בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

קוּנְטְרֵס

# אַ װעג צוּ לֶערְנֶען

אַ גְרִינְגֶע זִיסֶע סֵדֶר און מְהַלֵךְ וויאַזוֹי יֶעדֶער מֶענְטְשׁ, אִין וָואסֶערֶע מַצָב עֶר זָאל נָאר זַיין, קֶען עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ אַסַאךְ מָאל, און וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער מַתְמִיד און תַּלְמִיד חָכָם.

וָואס דֶער גְרוֹיסֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ
**הָרַב רֶבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**
הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט

אִיבֶּער גֶעטַייטְשְׁט פוּן דֶעם קוּנְטְרֵס
**"סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד"**

גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ, הָרַב הַגָּאוֹן הַצַדִיק, חֲסִידָא וּפְרִישָׁא, עַמּוּד הָאֱמוּנָה, מְנוֹרָה הַטְהוֹרָה, הַמְגַלֶּה וְהַמְפַרְסֵם אֲמִתַּת מְצִיאוּתוֹ יִתְבָּרַךְ לְכָל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ
**מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן בעזהש"ת
**דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב**
**עִיר הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם תובב"א**

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
## קרן הדפסה היכל הקודש
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:
קול ברסלב
**212.444.9191**
חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# אִינְהַאלְט


א) אַרַיינְפִיר ........ ג

ב) בִּין אִיךְ גֶענוּג יוֹצֵא? ........ ז

ג) אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען ........ י

ד) יֶעדֶער ווִיל זַיין אַ מַתְמִיד ........ טו

ה) דוּרְכְשְׁפַּאצִירְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ ........ כ

ו) עֶס הֵייסְט יָא גֶעלֶערְנְט ........ כד

ז) אַרַיינְכַאפְּן ווִי מֶער תּוֹרָה ווִילַאנְג מֶען לֶעבְּט ........ כו

ח) תּוֹרָה רֵיינִיגְט פוּן עֲבֵירוֹת – אוּן הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ ........ כז

ט) מוּז מֶען אַלֶעס טוּן הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט? ........ ל

י) אִיךְ פַּארְגֶעס וָואס אִיךְ לֶערְן ........ לה

יא) קֶען מֶען אָנְיָאגְן לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל סְפָרִים? ........ מב

יב) לֶערְנֶען וַוייל מֶען הָאט לִיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ........ מד

יג) תּוֹרָה שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס פוּן בְּלָאטֶע אוּן שְׁמוּץ ........ מו

יד) תּוֹרָה פוּן דִי יוּנְגֶע יָארְן קוּמְט צוּנוּץ אוֹיף דֶער עֶלְטֶער ........ מח

טו) ס'אִיז נָאר שְׁוֶוער אִין אָנְהֵייבּ ........ נא

טז) 'תּוֹרָה לִשְׁמָהּ' בְּרֶענְגְט הַכְנָעָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ........ נב

יז) הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט צוּ לֶערְנֶען ........ נד

יח) הִיטְן דִי צַייט ........ נו

אַלֶעס וָואס אַ מֶענְטְש הָאט גֶעלֶערְנְט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין אִינְגַאנְצְן דִי רִיכְטִיגֶע פְּשַׁט, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי אֱמֶת'עֶ פְּשַׁט אִין עוֹלָם הַבָּא.

(סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת לִימּוּד סִימָן ח')

זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ, אִיז מֶער חָשׁוּב פוּן אַלֶע מִצְוֹות. (שָׁם סִימָן ל"ג)

אַ מֶענְטְש זָאל לֶערְנֶען אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט. (שָׁם סִימָן ל"ח)

# אַרַיינְפִּיר

גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס הָאט אוּנְז קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְלָאזְט, אוּן שְׁטֶענְדִיג אִין יֶעדְן דוֹר הָאט עֶר אוּנְז גֶעשִׁיקְט הֵיילִיגֶע צַדִיקִים - וָואס לֶערְנֶען אוּנְז אוֹיס דֶעם וֶועג וואוּ צוּ גֵיין צוּ קֶענֶען נָאנְט וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אוּנְזֶער וֶועג אוֹיף אֵייבִּיג אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

יֶעדֶער צַדִיק הָאט גֶעמַאכְט תַּקָנוֹת, גְּדָרִים, אוּן סְיָיגִים, אוֹיף פַארְשִׁידֶענֶע אוֹפַנִים, דֶער עִיקָר אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן קֶענֶען בְּלַייבְּן שְׁטַארְק מִיט דִי אֱמוּנָה צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן מְקַיֵים זַיין וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן טוּן דִי מִצְוֹת פוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פְרֵיילִיכֶערְהֵייט מִיט אַ גֶעוואַלְדִיגֶע שִׂמְחָה, אוּן אַזוֹי אַרוֹיפְבְּרֶענְגְן אוֹיף זִיךְ דָאס זִיסְקֵייט אוּן לֶעכְטִיגְקֵייט פוּן דִי הֵיילִיגֶע שְׁכִינָה, צוּ בַּאלַייכְטְן אוּנְזֶער נְשָׁמָה מִיט דִי לֶעכְטִיגְקֵייט פוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס שַׁיינְט אוּן לַייכְט אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְחֶזְקֵאל מג, ב) "וְהָאָרֶץ הֵאִירָה מִכְּבֹדוֹ". [אוּן דִי וֶועלְט אִיז לִיכְטִיג גֶעוָוארְן פוּן דִי כָּבוֹד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.]

אִין אוּנְזֶער דוֹר הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז אַרָאפְּגֶעשִׁיקְט דֶער צַדִיק יְסוֹד עוֹלָם, נַ'חַל נ'וֹבֵעַ מְ'קוֹר חָ'כְמָה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי **רַבֵּינוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זי"ע** וָואס הָאט בַּאלָאכְטְן דִי וֶועלְט, מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע עֵצוֹת אוּן וואוּנְדֶערְלִיכֶע וֶועגְן מַמָשׁ וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער ווִיאַזוֹי מֶען קֶען נָאנְט בְּרֶענְגְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מְחַזֵק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן אַלֶע אִידְן זִיךְ צוּרִיק צוּ קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ גְרִינְגֶע וֶועג, ווִיאַזוֹי יֶעדֶער אֵיינֶער וֶוער ס'זָאל נָאר זַיין אֲפִילוּ דֶער עֶרְגְסְטֶער פוּן דִי עֶרְגְסְטֶע, קֶען אוֹיךְ צוּרִיקְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מַאכְן לֶעכְטִיג זַיין נְשָׁמָה מִיט דִי לֶעכְטִיגְקֵייט פוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַרוּמְגֶערֶעדְט פוּן אַלֶע סָארְט גוּטֶע עֵצוֹת אוּן עִנְיָנִים, סַיי מִדוֹת, סַיי עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, סַיי ווִיאַזוֹי צוּ זַיין הֵיילִיג, אוּן סַיי ווִיאַזוֹי צוּ טוּן אַ מִצְוָה, אוּן אַלֶע גוּטֶע הַנְהָגוֹת ווִיאַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעלָאזְט קַיין אֵיין זַאךְ וָואס עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן אַרוּמְגֶערֶעדְט דֶערְפוּן, ווִי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט בַּאֲרִיכוּת אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים, אוּן אִין דִי סְפָרִים פוּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים.

דִי מֶערְסְטֶע הָאט עֶר אַרוּמְגֶערֶעדְט אוּן מְחַזֵק גֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען זֵייעֶר זֵייעֶר אַסַאךְ, אוֹיף אַ שְׁנֶעלֶע וֶועג, כְּדֵי צוּ קֶענֶען וֶוערְן בַּאקַאנְט אִין אַלֶע סְפָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַז יֶעדֶער אִיד זָאל דוּרְכְשְׁפַּאצִירְן אַלֶע חֲלָקִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, נִגְלֶה אוּן נִסְתָּר. תַּנַ"ךְ, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, בַּבְלִי, יְרוּשַׁלְמִי, תּוֹסֶפְתָּא, אוּן אַלֶע מִדְרָשִׁים, זוֹהַר אוּן תִּיקוּנֵי זוֹהַר, כִּתְבֵי אֲרִיזַ"ל, אוּן אַלֶע הֲלָכָה סְפָרִים פוּן דִי פּוֹסְקִים, רַמְבַּ"ם, טוּר, שׁוּלְחָן עָרוּךְ אוּן דִי נוֹשְׂאֵי כֵלִים.

(קוּק אַרַיין אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"ח, אוּן סִימָן ע"ו).

אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען בְּרֵייט אַרוּם צוּ רֶעדְן אִין דֶעם עִנְיָן, צוּ אוֹיפְוַוייזְן פַאר יֶעדְן בַּר דַעַת, וָואס וִויל אַנְעֶרְקֶענֶען דֶעם אֱמֶת, אַיינְצוּזֶעהְן דֶעם אֱמֶת'קֵייט פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַנְטְפְּלֶעקְט פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל - אַ וֶועג וִויאַזוֹי יֶעדֶע אִיד קֶען אַסַאךְ לֶערְנֶען, אוּן אָנְקוּמֶען צוּ דוּרְכְשְׁפַּאצִירְן אוּן דוּרְכְלֶערְנֶען אַלֶע טֵיילְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - דֶערִיבֶּער הָאבְּן מִיר עֶס אָפְּגֶעדְרִיקְט אִין דֶעם קְלֵיינֶעם קוּנְטְרֵס.

מִיט גְרוֹיס חֶסֶד אוּן רַחֲמָנוּת פוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט דָאס וואוּנְדֶערְלִיכֶער קוּנְטְרֵס גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע הִתְעוֹרְרוּת אוּן אָפְּקְלַאנְג אוֹיף דֶער וֶועלְט, וַוייל ס'אִיז אָפְּגֶעדְרִיקְט גֶעוָוארְן דֶערְפוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזֶענְטֶער קוּנְטְרֵסִים, אוּן צוּשְׁפְּרֵייט גֶעוָוארְן אוֹיף אַלֶע עֶקְן פוּן דִי וֶועלְט, אוּן אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן בַּיי אַלֶע שִׁיכְטְן אוּן קְרַייזְן פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגְן פְרֵייד אוּן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע הִתְלַהֲבוּת, אוּן גֶעלוֹיבְּט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אַז דָאס הָאט גֶעמַאכְט אַז הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזֶענְטֶער אִידְן זָאלְן אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַתְמָדָה.

זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טַאקֶע וַוייטֶער הֶעלְפְן אַז דֶער קוּנְטְרֵס זָאל וֶוערְן אִיבֶּער גֶעדְרוּקְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן עֶס זָאל זִיךְ פַארְמֶערְן אִידְן וָואס לֶערְנֶען פְלַייסִיג אוֹיף דֶעם וֶועג, מִיט דִי עֵצָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זי"ע הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט.

ס'אִיז אִיבְּרִיג אַרוֹיס צוּבְּרֶענְגֶן דָא אַז דֶער קוּנְטְרֵס רֶעדְט טַאקֶע אַסַאךְ אַרוּם וֶועגְן דֶעם עִנְיָן פוּן לֶערְנֶען אוֹיף אַ שְׁנֶעלֶע גַאנְג פוּן 'בְּקִיאוּת', אָבֶּער אוּנְזֶער כַּוָונָה אִיז בִּישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען וֵוייניגֶער 'עִיוּן', נָאר פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט! מִיר הָאבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן'ס הִילְף גֶעשְׁרִיבְּן אַ סֵפֶר מִיטְן נָאמֶען "תּוֹרָה לִשְׁמָהּ" וָואס דָארְט וֶוערְט עֶרְקְלֶערְט קְלָאר אוּן דֵייטְלִיךְ אוֹיף אַ מוֹרָא'דִיגֶע אוּן וואוּנְדֶערְלִיכֶע מְהַלֵךְ, דִי גְרוֹיסֶע מַעֲלָה פוּן לֶערְנֶען בְּעִיוּן,

ווי אויך עצות און שיינע וועגן פון אונזער הייליגן רבין וואס לערנט אויס וויאזוי צו לערנען בעיון.

דער קליינער קונטרס דא, איז געשריבן געווארן בעיקר פאר מענטשן וואס זענען זייער פארניאגט און פארפלאגט רוב טאג און אויך בײנאכט על המחיה ועל הכלכלה צו קענען ברענגען פרנסה אין שטוב, און זענען פארנומען און אויסגעמוטשעט וכו', אזוי אויך פאר בחורים וואס ס'איז זיי שווער צו פארשטיין לערנען וכו', און פאר מענטשן וואס גייען אריבער אלע סארט פראבלעמען אין לעבן וכו' און האלטן שוין נאך א דורכגאנג אין לעבן - יעדער לויט ווי ער ווייסט אליין ביי זיך טיף אין הארץ זיינע שווערע פראבלעמען און ווייטאגן וואס ער איז אדורך. - פאר זיי ווערט דער וואונדערליכער קונטרס מאכן זיס דאס לעבן. און אויב זיי וועלן פאלגן און טון וואס דא שטייט, איז וואויל פאר זיי, און וואויל איז זייער חלק. ס'איז קלאר ווי די זון, און בדוק ומנוסה מיטן אייבערשטן הילף אז זיי וועלן האבן הצלחה אין זייער לעבן, און שטייגן אין תורה און אין יראת שמים.

מ'זאל נאר נישט פארדרייען און טוישן אפילו אייןווארט וואס דא שטייט אין דעם וואונדערליכן קונטרס, ווייל ליידער אלע בחורים וואס זענען נעבעך אראפ פון אידישן וועג, דער אייבערשטער זאל אפהיטן, אדער די וואס האבן יונגערהייט אינגאנצן אפגעלאזט די ישיבה, און געגאנגען ארבעטן וכו', אדער דרייען זיך סתם אזוי ארום ליידיג וכו' וואס ליידיגגיין ברענגט אז מען זאל ווערן משוגע און חס ושלום טון עבירות (כתובות נט.); אלעס קומט צוליב די סיבות וואס עס ווערט דא ערקלערט אין דעם קליינעם קונטרס, און אויב וואלט מען זיי צוגעוואוינט אין די בחורישע יארן צו דעם רבינ'ס וועג און סדר פון לערנען, וואלטן זיי זייער שיין אויסגעשטיגן און מצליח געווען, און וואלטן אויפגעוואקסן וואונדערליכע ביימער וואס געבן ארויס זיסע גוטע פירות, און וואלטן געווען באקאנט אין די גאנצע תורה, און געבליבן אין די ישיבות, און אין די בתי מדרשים, און כוללים.

זאל דער אייבערשטער טאקע העלפן אז ס'זאל אונז לעכטיג ווערן די אויגן מיט די לעכטיגקייט פון די הייליגע תורה, און מיר זאלן זוכה זיין צו אנפילן די בתי מדרשים מיט תלמידים וואס זיצן און לערנען, און אזוי אויך די הייליגע ישיבות זאלן ווערן מער פול מיט בחורים וואס לערנען פלייסיג די הייליגע תורה מיט א גרויסע חשק און התמדה.

א מענטש וואס געוואוינט זיך צו צו לערנען אויף דעם וועג, אפילו אז ער וועט האבן אלע סארט פראבלעמען אין לעבן וכו', און אפילו ס'איז שוין אדורך אויף אים וואס ס'איז אדורך וכו' אלע סארט שוועריקייטן, צי א דורכפאל, אדער זאכן וואס ער איז אראפגעפאלן און אזוי ווייטער, איז

זיכער אַז די ליכט פון די תּורה װעט אים אויפלעבן און אַרויסנעמען פון זיין טינקלקייט, און פינסטערניש, און טיפע גרוב וואו ער איז אַריינגעפאלן וכו׳.

דאס וואונדערליכע קונטרס ברענגט אַריין אין מענטש אַ זיסקייט צו די הייליגע תּורה, און געבט פאר מענטש אַ מורא׳דיגע חשק צו לערנען און חזרן און אַדורך שפּאצירן און זיך צו באקענען מיט אַלע חלקים פון די הייליגע תּורה.

װער עס קוקט מיט אַן אמת׳ע אויג און ווייסט וואס עס גייט אַדורך היינטיגע צייטן אויף יונגע בחורים און אינגעלייט, און זיין הארץ און מוח זענען גישט פארשמירט און שמוציג (עיין לקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן סא) נאר ער האט אַ ריין האַרץ און אַ הייליגע מוח, אַזא מענטש װעט מודה זיין אויפן אמת, אַז דאס וואס שטייט דא אין דעם קליינעם קונטרס, איז טאקע די ריינע אמת און פאקט.

דער אייבערשטער זאל העלפן אַז אונזערע ווערטער זאלן טאקע אָנגענומען ווערן, און ווער עס וועט נאר אַריינקוקן אין דעם קליינעם וואונדערליכן קונטרס זאל זיין הארץ אויפגעפלאקערט ווערן מיט אַן אויסטערלישע התלהבות, און ער זאל זיך מאכן שטארקע שיעורים מיט אַ סדר דורכצולערנען אַלע חלקים פון די הייליגע תּורה. און אין זכות פון די הייליגע תּורה וועט מען זוכה זיין געראטעוועט צו ווערן פון אַלעם שלעכטס וואס עס טוט זיך היינט אפּ אויף דער וועלט, און מיר וועלן זוכה זיין צו שפירן דאס זיסקייט און געשמאק און גוטע טעם און שיין פון דעם אייבערשטן, ביז מיר וועלן זוכה זיין אינגאנצן בכלל צו ווערן אין דעם אייבערשטן אויף אייביג.

# אַ װעג צו לערנען

## אַ סֵדֶר און אַ װעג
## װיאַזוֹי צו לֶערְנֶען תּוֹרָה

לוֹיט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּין מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ,
הָרַב **רֶבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב** זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

**א**

### בִּין אִיךְ גֶעְנוּג יוֹצֵא?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן מ"ד) אַז מֶען דַארְף אַנְטְלוֹיפְן פוּן אַלֶע סָארְט חָכְמוֹת און מַחְשָׁבוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן וֶוען זֵיי הֵייבְּן אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דִי אַלֶע חָכְמוֹת און מַחֲשָׁבוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן וֶוען זֵיי הֵייבְּן אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חָכְמוֹת, סְ'אִיז נָאר פַּאנְטַאזִיעֶס און אַיינְרֶעדֶענִישְׁן און גְרוֹיסֶע שְׁטוּתִים, וַוייל דִי אַלֶע סָארְט חָכְמוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט און שְׁפֶּעקֶעלִירְט

און איז מְדַקְדֵק אַסאַךְ און קֶען נִישְׁט מַחְלִיט זַיין בַּיי זִיךְ, צִי אִיז עֶר גֶענוּג יוֹצֵא מִיט וָואס עֶר טוּט, צִי נִישְׁט. דָאס שְׁטֶערְט זֵייעֶר דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְטְס גֶעזָאגְט: אַז ס'אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל יוֹצֵא זַיין גֶענוּג אִינְגַאנְצְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט וָואס עֶר טוּט. "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְלַאנְגְט נִישְׁט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ צוּ טוּן מֶער פוּן וָואס עֶר קֶען" (עֲבוֹדָה זָרָה ג'), און "דִי תּוֹרָה אִיז נִישְׁט גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן פַאר מַלְאָכִים" (קִדּוּשִׁין נ"ד); און אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען מַחְמִיר און מְדַקְדֵק מִיט אִיבֶּרִיגֶע חֻמְרוֹת, אוֹיף זֵיי אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דִי פָּסוּק (וַיִּקְרָא יח, ה) "וָחַי בָּהֶם" וָואס חֲזַ"ל דַרְשְׁנֶען דֶערוֹיף (יוֹמָא פ"ה) "וְלֹא שֶׁיָּמוּת בָּהֶם"; "דִי מִצְווֹת זֶענֶען גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן אַז מֶען זָאל לֶעבְּן דֶערְמִיט, נִישְׁט אַז מֶען זָאל חָלִילָה שְׁטַארְבְּן פוּן דֶעם"; וַוייל דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען מַחְמִיר צוּפִיל, הָאבְּן נִישְׁט קַיין שׁוּם לֶעבְּן, זֵיי זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג טְרוֹיעֶרִיג מִיט עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה, וַוייל ס'דַאכְט זִיךְ זֵיי אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט יוֹצֵא גֶענוּג מִיט דִי מִצְווֹת וָואס זֵיי טוּעֶן. און ווִיבַּאלְד זֵיי זֶענֶען אַזוֹי מְדַקְדֵק און זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג אִין מָרָה שְׁחוֹרָה הָאבְּן זֵיי נִישְׁט קַיין שׁוּם חַיוּת און פְרֵיילִיכְקֵייט פוּן קַיין שׁוּם מִצְוָה וָואס זֵיי טוּעֶן. און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְסְט גֶעזָאגְט: אַז עֶר אַלֵיינְס אִיז אוֹיךְ נִישְׁט מַחְמִיר קַיין שׁוּם חוּמְרָה!

זָאגְט וַוייטֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי: בֶּאֱמֶת בָּאךְ אַלֶע חָכְמוֹת אֲפִילוּ אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט יָא פוּן אֱמֶת'עֶ חָכְמוֹת אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, דַארְף עֶר אַוֶועק וַוארְפְן פוּן זִיךְ אַלֶע חָכְמוֹת און דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פְּרָאסְט און

פָּשׁוּט אָן קַיין חָכְמוֹת נָאר מִיט תְּמִימוּת, וַוייל דִי גְרֶעסְטֶע חָכְמָה פוּן אַלֶע חָכְמוֹת אִיז "נִישְׁט צוּ זַיין קַיין חָכָם". אוּן דֶער אֱמֶת אִיז אַז קֵיינֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען זִיךְ נִישְׁט רוּפְן אַ 'חָכָם' - 'קְלוּגֶער' וַוייל ס'שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי כא, ל) "אֵין חָכְמָה וְאֵין תְּבוּנָה וְאֵין עֵצָה לְנֶגֶד הַשֵּׁם" דָאס הֵייסְט "אַ זַאךְ וָואס אִיז נָאר אַקֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לִיגְט נִישְׁט אִין דֶעם קַיין שׁוּם קְלוּגְשַׁאפְט", דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וִויל בְּעִיקָר דִי הַארְץ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

וּבִפְרַט אִין דֶעם עִנְיָן פוּן 'צַייט' וָואס אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט כְּסֵדֶר צוּקְלַאפְּט, וַוייל עֶר וֵוייסְט נִישְׁט ווִיאַזוֹי רִיכְטִיג אוֹיסְצוּנוּצְן דִי צַייט וְכוּ', אָדֶער אִיז עֶר זִיךְ מְסַדֵר זַיינֶע סְדָרִים וָואס עֶר זָאל טוּהְן אִין דִי צַייט אוּן וָואס עֶר זָאל טוּהְן אִין דִי אַנְדֶערֶע צַייט, אוּן צוּם סוֹף גֵייט עֶס אִים נִישְׁט ווִי עֶר הָאט גֶעוָואלְט, וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן דֶערְפוּן.

אוֹיךְ טְרַאכְט צוּמָאל אַ מֶענְטְשׁ אַז 'יֶעצְט' אִיז 'נִישְׁט קַיין גוּטֶע צַייט פַאר גָארְנִישְׁט', מֶען קֶען יֶעצְט גָארְנִישְׁט טוּהְן! דַארְף עֶר ווִיסְן אַז דָאס גֵייט אוֹיכֶעט אַרַיין אִין דֶעם כְּלַל פוּן 'אִיבְּרִיגֶע חוּמְרוֹת אוּן נֶערְוֶועזְקֵייטְן'. וַוייל ווִיפִיל אַ מֶענְטְשׁ זָאל נָאר טוּן, קֶען עֶר נִישְׁט גֶענוּג טוּן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל קֶענֶען זָאגְן אַז עֶר הָאט שׁוֹין יוֹצֵא גֶעוֶוען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער עִיקָר אִיז אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ זַיין אַלֶעמָאל מוֹרָא'דִיג פְּרֵיילֶעךְ, אוּן דוּרְכְדֶעם וֶועט אִים גְרִינְגֶער וֶוערְן אוֹיפְן הַארְץ אוּן עֶר וֶועט אֵייבִּיג זַיין רוּאִיג, וַוייל שִׂמְחָה בַּארוּאִיגְט דֶעם מוֹחַ פוּן מֶענְטְשׁ.

אַז אַ מֶענְטְשׁ װעט טְרַאכְטְן אוֹיף אַזַא סָארְט װֶעג, קֶען עֶר אַרוֹיסְכַאפְּן צוּ לֶערְנֶען זַיינֶע בַּאשְׁטִימְטֶע שִׁיעוּרִים יֶעדֶעס מָאל װען עֶר הָאט נָאר אַבִּיסְל צַייט. אוּן װֶען עֶר הָאט בִּכְלָל נִישְׁט קַיין צַייט, זָאל עֶר זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט װָאס עֶר קֶען, אוּן זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט זַיין פִּינְטֶעלֶע אִיד, װָאס עֶר אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעװָארְן אַ אִיד אוּן נִישְׁט קַיין גוֹי.

נִישְׁט אַז עֶר זָאל װערְן גֶעפַאלְן אוּן צוּבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ אַז עֶר קֶען נִישְׁט יֶעצְט לֶערְנֶען, װַייל דָאס אִיז אַלֶעס דִי אַרְבֶּעט פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע װָאס װִיל אִים אַרַיינְכַאפְּן אִין זַיין נֶעץ אוּן אִים אַרַיינְװַוארְפְן אִין מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן עַצְבוּת דוּרְךְ דִי פִּיל דִקְדוּקִים אוּן אִיבְּרִיגֶע חוּמְרוֹת. אוּן װֶעגְן דֶעם אַלֵיינְ׳ס אִיז כְּדַאי צוּ פָּאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן װָאס הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעטְרֶעטְן אַ זִיסֶע אוּן גְרִינְגֶע װֶעג װִיאַזוֹי צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, װִי עֶס װֶערְט אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט אִין זַיין הֵיילִיגְן סֵפֶר "שִׂיחוֹת הָרַ"ן" (סִימָן ע"ו).

## ב

## אַ װֶעג צוּ לֶערְנֶען

עֶס װֶערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן ע"ו) אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאלְטְן בְּשִׁיטָה אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ בַּאשְׁטִימֶען קְבִיעוּתְ׳דִיגֶע שִׁיעוּרִים אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען דַוְקָא אוֹיף אַ סֵדֶר, דָאס הֵייסְט אָנְהֵייבְּן אַ סֵפֶר פוּן אָנְהֵייב אוּן נִישְׁט אִיבֶּערְ׳חַזְרְ׳ן בִּיז עֶר װעט עֶנְדִיגְן דֶעם גַאנְצְן

סֵפֶר, און נָאר נָאכְדֶעם וָואס עֶר עֶנְדִיגְט זָאל עֶר אָנְהֵייבְּן אִיבֶּערְ׳חַזְרְ׳ן נָאכְאַמָאל דֶעם סֵפֶר.

צוּם בַּיישְׁפִּיל: עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן אַ שִׁיעוּר אִין ׳מִשְׁנַיוֹת׳ און נִישְׁט אִיבֶּערְחַזְרְ׳ן, נָאר לֶערְנֶען אַלֶע זֶעקְס סְדָרִים ׳שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה׳, און וֶוען עֶר עֶנְדִיגְט זָאל עֶר אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט אַ שִׁיעוּר אִין ׳שַׁ״ס׳, עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן גְמָרָא מַסֶכֶת בְּרָכוֹת און נִישְׁט אִיבֶּערְ׳חַזְרְ׳ן נָאר לֶערְנֶען אַ דַף נָאךְ אַ דַף בִּיז עֶר וֶועט עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ״ס.

אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי דִי פִיר חֲלָקִים פוּן ׳שׁוּלְחָן עָרוּךְ׳ זָאל עֶר אָנְהֵייבְּן פוּן אָנְהֵייב ׳אוֹרַח חַיִּים׳ בִּיז עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ מְסַיֵּים זַיין ׳יוֹרֶה דֵעָה׳, ׳אֶבֶן הָעֶזֶר׳, און ׳חוֹשֶׁן מִשְׁפָּט׳, און נָאר דֶעמָאלְטְס הֶערְשְׁט זָאל עֶר אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ מִיט ׳זוֹהַר׳, ׳תִּיקוּנֵי זוֹהַר׳, ׳מִדְרָשִׁים׳, און נָאךְ אַנְדֶערֶע סְפָרִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ אַרוּמְגֶערֶעדְט מִיט אוּנְז פוּן דֶעם עִנְיָן אַז עֶס אִיז גוּט צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל און נִישְׁט מְדַקְדֵק זַיין אַסַאךְ בַּיים לֶערְנֶען, נָאר לֶערְנֶען פָּשׁוּט און שְׁנֶעל, און אוֹיךְ זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין אַסַאךְ בִּשְׁעַת׳ן לֶערְנֶען פוּן אֵיין עִנְיָן צוּ אַ צְווֵייטֶע עִנְיָן, נָאר זֶעהְן צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי פָּשׁוּטֶע פְּשַׁט פוּן דָאס וָואס מֶען לֶערְנְט יֶעצְט אוֹיפְן פְּלַאץ. און אוֹיבּ מַאכְט זִיךְ אַפָּאר מָאל אַז מְ׳קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין עֶפֶּעס, זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן דָארְט אַ לַאנְגֶע צַייט, נָאר מֶען זָאל אָפְּלָאזְן דֶעם שְׁטִיקְל און לֶערְנֶען וַוייטֶער, און עַל פִּי רוֹב וֶועט מֶען נָאכְדֶעם מְמֵילָא פַארְשְׁטֵיין דָאס וָואס מֶען הָאט

נִישְׁט פַּארְשְׁטַאנֶען אִין אָנְפַאנְג, דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען וֶועט לֶערְנֶען וַוייטֶער מִיט אַ זְרִיזוּת אוֹיפְן סֵדֶר.

(שְׁטֵייט דָארְט וַוייטֶער אִין "שִׂיחוֹת הָרַ"ן") **דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט:**

**"בַּיים לֶערְנֶען דַארְף מֶען נִישְׁט מֶער וִוי 'זָאגְן' - מֶען דַארְף נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אִין דִי רֵייעֶ, אוּן פוּן זִיךְ אַלֵיין וֶועט עֶר שׁוֹין מִמֵילָא פַארְשְׁטֵיין".**

עֶר זָאל אָבֶער נִישְׁט אַרַיינְלָאזְן אִין זִיךְ אַ נֶערְוֶועזְקֵייט אִין אָנְהֵייבּ, בִּשְׁעַת עֶר הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען, אַז עֶר ווִיל אַלֶעס גְלַייךְ שׁוֹין פַארְשְׁטֵיין אוֹיפְן פְּלַאץ, וַוייל דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר גָארְנִישְׁט פַארְשְׁטֵיין.

נָאר עֶר זָאל אַרַיינְלֵייגְן דֶעם קָאפּ אִין לֶערְנֶען, אָנְהֵייבְּן 'זָאגְן דִי וֶוערְטֶער' אִין דִי רֵייעֶ, מִיט אַ שְׁנֶעלְקֵייט, אוּן פוּן זִיךְ אַלֵיין וֶועט עֶר שׁוֹין פַארְשְׁטֵיין.

אוּן אוֹיבּ וֶועט עֶר נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין גְלַייךְ, וֶועט עֶר שְׁפֶּעטֶער פַארְשְׁטֵיין.

אוּן אוֹיבּ עֶס וֶועט אִיבֶּער בְּלַייבְּן אַפָּאר זַאכְן וָואס עֶר וֶועט נָאךְ אַלְץ נִישְׁט קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין אֲפִילוּ שְׁפֶּעטֶער, אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ אוּן עֶס דַארְף אִים נִישְׁט אָנְגֵיין.

וַוייל דִי מַעֲלָה פוּן לֶערְנֶען אַסַאךְ אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעם, אַזוֹי וִוי אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְּן גֶעזָאגְט (שַׁבָּת סג. - עֲבוֹדָה זָרָה יט.) לִיגְמוֹר וְהָדַר לִיסְבּוֹר [אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם דוּרְכְלֶערְנֶען גַאנְץ שַׁ"ס אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אַלֶעס, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶועט עֶר שׁוֹין פַארְשְׁטֵיין]. וְאַף עַל גַב דְלֹא יָדַע מַה קָאָמַר [אַ מֶענְטְשׁ זָאל שְׁטֶענְדִיג

חַזְרִ'ן די װערְטֶער פוּן די הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - אֲפִילוּ עֶר װייסְט נִישְׁט װָאס עֶר זָאגְט!] װַייל עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קיט, כ) "גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה"; [פוּן גְרוֹיס גְלוּסְטֶענִישׁ צוּ די הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, כָאפּ אִיךְ אַרַיין צוּ לֶערְנֶען װִיפִיל אִיךְ קֶען נָאר, אֲפִילוּ אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין די טִיפְקֵייט דֶערְפוּן, נָאר אִיךְ לֶערְן אֲפִילוּ פָּשׁוּט, דֶער עִיקָר צוּ קֶענֶען אַרַיינְכַאפְּן װָאס מֶער תּוֹרָה. (רַשִׁ"י)].

דוּרְכְדֶעם װָאס עֶר װֶעט לֶערְנֶען אַסַאךְ מִיט דֶעם װֶעג פוּן לֶערְנֶען שְׁנֶעל װָאס מֶען יָאגְט אָן זֵייעֶר אַסַאךְ, װֶעט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ עֶנְדִיגְן אַסַאךְ מָאל די סְפָרִים װָאס עֶר לֶערְנְט, עֶר װֶעט קֶענֶען עֶנְדִיגְן, אוּן נָאכְאַמָאל אָנְהֵייבְּן אוּן נָאכְאַמָאל עֶנְדִיגְן, אַזוֹי אֵיינְמָאל נָאכְן אַנְדֶערְן, אוּן אַזוֹי װֶעט עֶר מְמֵילָא פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵייטְן אוּן דְרִיטְן מָאל אַלֶעס װָאס עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען אִין אָנְהֵייב.

אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַסַאךְ אַרוּמְגֶערֶעדְט מִיט אוּנְז פוּן דֶעם עִנְיָן אַז עֶס אִיז כְּדַאי צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל. אוּן בֶּאֱמֶת אִיז די װֶעג פוּן לֶערְנֶען שְׁנֶעל זֵייעֶר אַ גוּטֶע עֵצָה אוּן װֶעג װִיאַזוֹי צוּ לֶערְנֶען, װַייל מִיט דֶעם מְהַלֵךְ קֶען מֶען לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ, אוּן עֶנְדִיגְן אַסַאךְ אַסַאךְ סְפָרִים, אוּן פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען סַאךְ מֶער װִי װֶען אַ מֶענְטְשׁ װָאלְט גֶעלֶערְנְט מִיט גְרוֹיס דִקְדוּק.

לֶערְנֶען מִיט דִקְדוּק (דָאס הֵייסְט זִיךְ אָפְּצוּשְׁטֶעלְן בַּיי יֶעדֶעס װָארְט אוּן זִיךְ נִישְׁט רִירְן װַייטֶער בִּיז מֶען פַארְשְׁטֵייט עֶס גְרִינְטְלִיךְ) דָאס שְׁטֶערְט זֵייעֶר פוּן לֶערְנֶען, אוּן אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען צוּלִיב די פִילֶע דִקְדוּקִים װָאס זֵיי הָאבְּן מְדַקְדֵק גֶעװֶוען בַּיים לֶערְנֶען צוּ װֶעלְן אַלֶעס

פַארשְׁטֵיין גְלַייךְ, און סְ'אִיז בַּיי זֵיי גָארנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן אִין דִי הַאנְט.

אַנְדֶערְשׁ אִיז אָבֶּער אוֹיב עֶר װעט זִיךְ צוּגֶעװאוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, און נִישְׁט מְדַקְדֵק זַיין אַסַאךְ, דֶעמָאלְטְס װעט זִיךְ דִי תּוֹרָה הַאלְטְן בַּיי אִים, און עֶר װעט זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ גְמָרָא, און אַלֶע הֲלָכָה סְפָרִים, װי אוֹיךְ תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, מִדְרָשִׁים, סִפְרֵי הַזוֹהַר, קַבָּלָה, און אַזוֹי נָאךְ פִיל סְפָרִים.

אַװַדַאי װער עֶס גֵייט מִיט חָכְמוֹת, און טְרַאכְט נִישְׁט אַרַיין װאס װעט זַיין דִי סוֹף מִיט אִים, און װָאס עֶר דַארְף בֶּאֱמֶת אוֹיפְטוּן דָא אוֹיף דֶער װעלְט, אִיז דִי אַלֶע װערְטֶער סְתָּם אִיבְּרִיג פַאר אִים, װַייל עֶר װִיל דָאךְ זַיין אַ 'לַמְדָן', אַ 'גָאוֹן', און אַ 'רֹאשׁ יְשִׁיבָה', אַז זַיין נָאמֶען זָאל אָפְּקְלִינְגֶען אוֹיף דִי גַאנְצֶע װעלְט, אַזוֹי װִי דִי מֶענְטְשְׁן פוּן 'דוֹר הַפְּלָגָה' װָאס הָאבְּן גֶעבּוֹיעֶט אַ טוּרֶעם בִּיזְן הִימְל, דֶער עִיקָר אַז זֵיי זָאלְן בַּאקוּמֶען 'אַ נָאמֶען' װִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית יא, ד) "וְנַעֲשֶׂה לָּנוּ שֵׁם" [מִיר זָאלְן זִיךְ מַאכְן אַ נָאמֶען], און עֶס װערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (בְּרֵאשִׁית כה:) אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ב, ד) "אֵלֶּה תוֹלְדוֹת הַשָּׁמַיִם וְהָאָרֶץ" אַז עֶס זֶענֶען דָא פִינְף סָארְטְן 'עֵרֶב רַב', און דִי דְרִיטֶע סָארְט װערְט אָנְגֶערוּפְן 'כַּת גִיבּוֹרִים' װָאס אוֹיף זֵיי אִיז גֶעזָאגְט גֶעװָארְן דֶער פָּסוּק (שָׁם ו, ד): "הֵמָּה הַגִּבֹּרִים אֲשֶׁר מֵעוֹלָם אַנְשֵׁי הַשֵּׁם"; [זֵיי זֶענֶען דִי װִידֶערְשְׁפֶּענִיגֶערְס 'מֶענְטְשְׁן מִיט אַ נָאמֶען'] און אוֹיף זֵיי שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית יא, ד): "וַיֹּאמְרוּ הָבָה נִבְנֶה לָּנוּ עִיר וּמִגְדָּל וְגוֹ' וְנַעֲשֶׂה לָּנוּ שֵׁם" וְגוֹ' [זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט צוּ בּוֹיעֶן אַ שְׁטָאט און אַ טוּרֶעם

און אַזוי װײטער, כּדי צו באַקומען אַ קלינגענדיקן 'נאָמען' אויף דער װעלט] זאָגט דער זוהר אַז דאָס גייט אַרויף אויף די װאָס זוכן זיך צו מאַכן אַ נאָמען דורך בויען בּתּי כּנסיות און בּתּי מדרשים און אַריינלייגן דאָרט אַ ספר תּורה, מיט אַ קרוין, אָבער דאָס אַלעס טוען זיי נישט לשמה, פאַרן אייבערשטנ'ס נאָמען, נאָר פאַר זיך אַליין, כּדי זיך צו מאַכן אַ גרויסן נאָמען. ממילא זענען די הייליגע תּמימות'דיגע װערטער פונעם רבּי'ן צו שאַנד און צו שפּאָט בּיי אים, און ער װיל דאָס נישט אָננעמען, נאָר ער קריגט נאָך אויף דעם, און האַלט אויך צוריק אַנדערע פון צו פאָלגן דעם הייליגן רבּין.

אַנדערש זענען אָבער די תּמימות'דיגע גראָדע מענטשן װאָס קוקן יאָ אויפן תּכלית, און טראַכטן יאָ גוט אַריין װאָס בּלייבט צום סוף פון אַ מענטש, אַז אַ מענטש לעבט נישט דאָ אויף אייבּיג, נאָר עס װעט קומען אַ טאָג אַ שעה און אַ רגע װאָס מען װעט מוזן אויסטון דעם גוף וכו', און די נשמה װעט אַרויפפליען אויבן - צו זיי שרייב איך דעם קונטרס, און זיי װעלן זיך דערקװיקן און אויפפרישן מיט מיינע װערטער.

ג

## יעדער װיל זיין אַ מתמיד

דאָס װייסט יעדער איינער, אַז יעדער בּחור און אינגערמאַן װיל זיין אַ גרויסער מתמיד, און װיל זוכה

זיין מְסַיֵּים צו זַיין גַאנְץ שַׁ״ס, ד׳ חֶלְקֵי שׁוּלְחָן עָרוּךְ, און אַזוֹי וַוייטֶער נָאךְ אַסאךְ סְפָרִים, אָבֶער דִי עִיקָר זַאךְ וָואס הַאלְט אִים צוּרִיק דֶערְפוּן, אִיז דִי אַלֶע חָכְמוֹת וָואס עֶר הָאט אִין זִיךְ. דָאס הֵייסְט: עֶר טְרַאכְט, אַז גְלַייךְ בַּיים עֶפֶענֶען דִי גְמָרָא מוּז עֶר שׁוֹין אַלֶעס פַארְשְׁטֵיין טִיף מִיט אַלֶע רִאשׁוֹנִים וְכוּ׳, און וִויבַּאלְד דִי בָּחוּרִים זֶענֶען עַל פִּי רוֹב נָאכְנִישְׁט גֶעניט גֶענוּג רֵייף צוּ פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס מִיט דִי רִאשׁוֹנִים וְכוּ׳, וַוייל דֶער בָּחוּר הָאט זִיךְ דָאךְ נָאךְ בִּכְלַל נִישְׁט מַשְׁלִים גֶעוֶוען מִיט דֶעם חֵלֶק הַבְּקִיאוּת פוּן דִי תּוֹרָה.

בִּפְרַט הַיינְטִיגֶע צַייטְן וָואס עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף בָּחוּרִים שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ׳, פוּן דִי אַלֶע שְׁמוּץ וָואס אִיז אַזוֹי פַארְשְׁפְּרֵייט אוֹיף דֶער וֶועלְט וְכוּ׳, וָואס צוּלִיבּ דֶעם הָאבְּן זֵיי בִּכְלַל נִישְׁט קַיין קְלָארֶע קָאפּ זִיךְ אַריינְצוּלֵייגְן אִין דִי תּוֹרָה מִיט אַ טִיפְקֵייט וְכוּ׳, אִיז וִויבַּאלְד זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט גְלַייךְ וָואס זֵיי לֶערְנֶען, בִּפְרַט אַז זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן עֶס נִישְׁט מִיט אַלֶע שִׁיטוֹת פוּן דִי רִאשׁוֹנִים און מְפוֹרְשִׁים, וֶוערְן זֵיי אִינְגַאנְצְן דֶערְוַוייטֶערְט פוּן לֶערְנֶען, און אֲפִילוּ דָאס וָואס זֵיי לֶערְנֶען שׁוֹין יָא אִיז מַמָּשׁ זֵייעֶר וֵוייניג, כְּאִילוּ אַ שֵׁ״ד וָואלְט זֵיי גֶעצְווּוּנְגֶען דָאס צוּ לֶערְנֶען, וַוייל זֵיי צִיטֶערְן אַזוֹי פוּן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה וְכוּ׳, אָבֶער רוֹב צַייט בְּרֶענְגְן זֵיי אָן מִיט גָארְנִישְׁט, אַזוֹי ווִי עֶס אִיז בְּרֵייט בַּאקַאנְט פַאר וֶוער עֶס וִויל נָאר מוֹדֶה זַיין אוֹיפְן אֱמֶת.

אִין אֱמֶת׳ן שְׁרַייעֶן שׁוֹין דִי פְרִיעֶדִיגֶע ׳קַדְמוֹנִים׳ אוֹיף דֶעם פְּרָאבְּלֶעם: קוּק אַרַיין אִינֶעם סֵפֶר ״אוֹרְחוֹת צַדִיקִים״, פוּן אַ פְרִיעֶרְדִיגֶע ׳קַדְמוֹן׳ (שַׁעַר כז, מַעֲלַת הַתּוֹרָה), וָואס עֶר שְׁרַייבְּט דָארְט אַזוֹי: ״אִין דֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר אִיז פַארְגֶעסְן

גֶעוָוארְן דִי תּוֹרָה, וַוייל לוֹמְדִים ווִילְן נָאכְמַאכְן דִי רִאשׁוֹנִים, דוּרְךְ זִיךְ מְפַלְפֵּל זַיין אוּן טַעֲנָה'ן אִין לֶערְנֶען, אָבֶּער בֶּאֱמֶת זֶענֶען זֵיי בִּכְלַל נִישְׁט אַזוֹי ווִי דִי 'חַכְמֵי צָרְפַת' [דָאס מֵיינְט עֶר 'דִי רִאשׁוֹנִים'], וַוייל דִי רִאשׁוֹנִים הָאבְּן זֵייעֶר גוּט פַארְשְׁטַאנֶען תּוֹרָה, אוּן הָאבְּן זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְט נָאר מִיט תּוֹרָה, אוּן הָאבְּן גֶעלֶערְנְט מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ טָאג אוּן נַאכְט מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע הַתְמָדָה, דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין דִי תּוֹרָה מִיט אַלֶע פִּלְפּוּלִים; אָבֶּער הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז נִישְׁט אַזוֹי, נָאר מֶען פַארְדְרֵייט אַ קָאפּ אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, מֶען פַארְבְּרֶענְגְט רוֹב טָאג מִיט גָארְנִישְׁט, אַ הַאלְבֶּע טָאג אִיז מֶען פַארְנוּמֶען זִיךְ מְפַלְפֵּל צוּ זַיין, אוּן מֶען קוּמְט אָן זֵייעֶר וֵוייניג מִיט דָאס לֶערְנֶען, אַזוֹי אַז דָאס 'לֶערְנֶען' אִיז זֵייעֶר שְׁוַואךְ! אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דִי חֵלֶק פוּן 'אָנְבְּרֶענְגְן דִי צַייט' אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק! **יֶעדֶער ווִיל לֶערְנֶען תּוֹסְפוֹת מִיט אַלֶע חִידוּשִׁים אוּן חִידוּשֵׁי חִידוּשִׁים נָאךְ אֵיידֶער עֶר קֶען בִּכְלַל דִי צוּרָה פוּן דִי גְמָרָא**, מִמֵּילָא ווִי אַזוֹי קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין אַזוֹי?

שְׁרַייבְּט עֶר דָארְט וַוייטֶער אִין "אוֹרְחוֹת צַדִּיקִים": חֲזַ"ל זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה יט.): "אַ מֶענְטְשׁ זָאל שְׁטֶענְדִיג זָאגְן דִי ווֶערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה אֲפִילוּ עֶר פַארְגֶעסְט אוּן אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט"; אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שַׁבָּת סג.): "קוֹדֶם זָאל אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נָאכְנִישְׁט אַלֶעס, אוּן נָאכְדֶעם פַארְשְׁטֵיין טִיפֶער"; אָבֶּער דָאס אַלֶעס טוּעֶן זֵיי נִישְׁט הַיינְט, נָאר זֵיי ווִילְן זִיךְ גְלַייךְ אַרַיינְלָאזְן אִין דִי גַאנְצֶע טִיפְקֵייט פוּן דֶעם עִנְיָן וְכוּ', אוּן ווִיבַּאלְד סְ'אִיז

זייעֶר שְׁװעֶר צוּ לֶערְנֶען בְּעִיּוּן מִיט פִּלְפּוּלִים, מְמֵילָא הֶערְן אוֹיף אַסאַךְ מֶענְטְשְׁן אִינְגַאנְצְן צוּ לֶערְנֶען וְכוּ׳.

אוֹיב װָאלְטְן זֵיי זִיךְ אָבֶער צוּגֶעװאוֹינְט צוּ לֶערְנֶען אוֹיף דֶעם װֶעג װָאס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְּן אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, צוּ חַזְרְ׳ן מִשְׁנַיּוֹת אוּן גְּמָרָא אוֹיפְן פָּשׁוּטְן אוֹפְן, מְסַיֵּים צוּ זַיין יֶעדְן טָאג אַ גֶעװִיסֶע צָאל פְּרָקִים וְכוּ׳, **וָואלְטְן זֵיי פוּן אַזוֹיפִיל חַזְרְ׳ן גֶעוָוארְן בַּאקַאנְט אִין גַאנְץ שַׁ״ס אִין אַ קוּרְצֶע צַייט, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ וָואלְטְן זֵיי בַּאקוּמֶען אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען, אוּן וָואלְטְן שְׁטֶענְדִיג גֶעגְלוּסְט צוּ לֶערְנֶען,** וַוייל זֵייעֶר הַארְץ וָואלְט גֶעוֶוען אָפְן צוּ פַארְשְׁטֵיין גְּרִינְגֶערְהֵייט וָואס זֵיי לֶערְנֶען. מְמֵילָא וָואלְט מֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעלֶערְנְט, סֵיי וֶוען מִ׳אִיז אוֹיסְגֶערוּהְט אוּן סֵיי וֶוען מִ׳אִיז שְׁלֶעפֶּערִיג אוּן מִיד, מֶען וָואלְט בַּאקוּמֶען אֶמֶת׳ע יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן אַסאַךְ מֶער מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעלֶערְנְט. דִי לֶערְנֶען וָואלְט גֶעוֶוען מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע לִיבְּשַׁאפְט אוּן הַתְמָדָה, מְ׳וָואלְט נִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיפְהֶערְן צוּ לֶערְנֶען; אָבֶער יֶעצְט וַוייל מֶען לֶערְנְט אוֹיף אַזַא שְׁוֶוערֶע וֶועג, וֶוערְט פַאר זֵיי דִי תּוֹרָה וִוי אַ שְׁוֶוערֶע לַאסְט, אוּן זֵיי קֶענֶען עֶס מֶער נִישְׁט אָנְקוּקְן, מְמֵילָא זֶענֶען זֵיי פַארְנוּמֶען מִיט נַארִישְׁקֵייטְן אוּן לֵיצָנוּת אוּן בְּרֶענְגְן אָן דִי צַייט מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן, אוּן אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם וְכוּ׳ וְכוּ׳. (קוּק עֶס נָאךְ אִינֶעוֵויינִיג אִינֶעם סֵפֶר ״אוֹרְחוֹת צַדִּיקִים״).

דָאס אַלֶעס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן אִין אַ סֵפֶר פוּן אַפָּאר הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק, וָואס זָאלְן מִיר זָאגְן הַיינְטִיגֶע צַייטְן וָואס סְ׳אִיז אַזוֹי טוּנְקְל גֶעוָוארְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֶוען דִי פְּרִיצוּת אוּן שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת דְרִינְגֶען אַרַיין אוּן מַאכְן אָן חוּרְבָּנוֹת בַּיי דִי יוּגְנְט, אוּן זֵיי וֶוערְן נִכְשָׁל

אִין וָואס זֵיי וֶוערְן נִכְשָׁל וְכוּ׳, וּבִפְרַט אִין פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, רַחֲמָנָא לִיצְלָן, בִּיז סְ׳אִיז שׁוֹין דָא הַיינְט אַזֶעלְכֶע וָואס זֶענֶען שׁוֹין אַזוֹי טִיף גֶעפַאלְן אִין דִי שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲוָה, אַז סְ׳אִיז זֵיי שׁוֹין זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה, זֵיי פַאלְן יֶעדֶעס מָאל מֶער אוּן מֶער רַחֲמָנָא לִיצְלָן, זֵייעֶר קָאפּ אוּן שֵׂכֶל אִיז זֵיי זֵייעֶר צוּמִישְׁט, אוּן זֵייעֶר הָארְץ אִיז פַארְדְרֵייט מִיט אַסַאךְ קַשְׁיוֹת אוּן קְרִימְקֵייטְן; 'זֵיי' זֶענֶען אַוַודַאי בִּכְלַל נִישְׁט רֵייף זִיךְ גְלַייךְ אַרַיינְצוּלָאזְן אִין אַ טִיפֶע עִיּוּן אוּן אַלֶעס פַארְשְׁטֵיין, ווייל זֵייעֶר מוֹחַ אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר פָּגוּם, רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

וְוִיבַּאלְד מֶען דְרֵייט זֵיי אָבֶּער אַ קָאפּ צוּ לֶערְנֶען בְּעִיּוּן וְכוּ׳, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט דִי כֵּלִים דֶערְפַּאר, לָאזְן זֵיי זִיךְ אָפּ, אוּן וֶוערְן זֵייעֶר אָפְּגֶעשְׁוַואכְט פוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, ווייל אַלֶעס קוּמְט זֵיי אָן שְׁוֶוער, בִּיז זֵיי בְּרֶענְגְן אָן רוֹב פוּן טָאג מִיט פְּלוֹישְׁן שְׁטוּתִים נַארִישְׁקֵייטְן אוּן דְבָרִים בְּטֵלִים אוֹיף אַן אָפֶּענֶע גְמָרָא, אַז זֵיי וֶוערְן פָּשׁוּט מְשׁוּגָע פוּן לֵיידִיגְגֵיין, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (כְּתוּבּוֹת נט.) הַבַּטָּלָה מְבִיאָה לִידֵי שִׁעֲמוּם - לֵיידִיגְגֵיין מַאכְט אַז מֶען זָאל וֶוערְן מְשׁוּגָע, אוּן דוּרְכְדֶעם אַלֵיין פַאלְן זֵיי וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער, ווייל דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט נָאר אַ שְׁלִיטָה אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט לֵיידִיג. אוּן אַזוֹי וֶוערְן זֵיי מֶער אוּן מֶער פַארְבִּיטֶערְט וְכוּ׳. אוּן וֶוען עֶס קוּמְט סוֹף טָאג, וֶוען מֶען דַארְף זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן אוּן אוֹיפְגֶעטוּן דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג וְכוּ׳, וֶועט מֶען עַל פִּי רוֹב זֶען, אַז זֵיי הָאבְּן כִּמְעַט גָארְנִישְׁט גֶעלֶערְנְט, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אִין הַאנְט אֲפִילוּ אֵיין פֶּרֶק מִשְׁנַיּוֹת אַ טָאג, אוּן קַיין אֵיין גַאנְצֶע דַף גְמָרָא אַ טָאג,

און נִישְׁט קַיין סִימָן שׁוּלְחָן עָרוּךְ גֶעלֶערְנְט מֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן טָאג.

דָאס אַלֶעס קוּמְט וַוייל עֶר אִיז פוּל מִיט חָכְמוֹת, און מֵיינְט אַז מֶען דַארְף אַלֶעס כַאפְּן אוֹיף אֵיינְמָאל מִיטְן גַאנְצְן שְׁלֵימוּת, און שׁוֹין גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס מִיטְן גַאנְצְן טִיפְקֵייט וְכוּ׳, און דֶערְוַוייל לוֹיפְן אַדוּרְךְ טֶעג, חֳדָשִׁים, און יָארְן, פוּן זַיינֶע טֵייעֶרֶע יוּנְגֶע יָארְן - מִיט גָארְנִישְׁט וְכוּ׳, און אַוַודַאי זֶענֶען זֵיי נִישְׁט זוֹכֶה צו עֶנְדִיגְן אֲפִילוּ אֵיין מָאל בִּיז דִי חֲתוּנָה גַאנְץ מִשְׁנַיוֹת, גַאנְץ שַׁ״ס, און גַאנְץ ד׳ חֶלְקֵי שׁוּלְחָן עָרוּךְ, און אַזוֹי וַוייטֶער; בָּאר פּוּנְקְט פַארְקֶערְט! עֶס פַאלְט זֵיי בִּיטְאַמָאל אֵיין אַז מֶען קֶען בִּכְלַל זוֹכֶה זַיין צו דֶעם - אוֹיב וָואלְט מֶען זִיךְ גֶעפִירְט אוֹיפְן אֱמֶת׳ן װעג וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, צו לֶערְנֶען אַסַאךְ אוֹיף אַ פְּשׁוּטֶע וֶועג, און זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צו ׳זָאגְן׳ אַסַאךְ, אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר עֶרְקְלֶערְט.

## ד

## דוּרְכְשְׁפַּאצִירְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ

דֶערִיבֶּער טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, הֶער צו מַיין עֵצָה, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט טַאקֶע קֶענֶען אוֹיסְפִירְן דִי עֵצָה: אַז אוֹיסֶער דֶעם שִׁיעוּר וָואס דוּ הָאסְט אִין יְשִׁיבָה [וַוייל דִי שִׁיעוּר וָואס דַיין מַגִּיד שִׁיעוּר לֶערְנְט פָאר אִין יְשִׁיבָה זָאלְסְטוּ נֶעמֶען פַאר דַיין שִׁיעוּר עִיוּן, עֶס

אִיבֶּערְ'חַזְרְ'ן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, אוּן אַלֶעס וָואס עֶס וֶועט דִיר שְׁוֶוער זַיין זָאלְסְטוּ זֶען צוּ פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן מַשְׁגִיחַ אוּן אַזוֹי וַוייטֶער] אָבֶּער חוּץ פוּן דֶעם שִׁיעוּר, זָאלְסְטוּ זִיךְ מְסַדֵר זַיין מִיט אַ שְׁטַארְקַייט אַ פָּשׁוּטֶע שִׁיעוּר, צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת אוֹיף אַ סֵדֶר, דָאס הֵייסְט דוּ זָאלְסְט עֶפֶענֶען דֶעם מִשְׁנַיוֹת פוּן אָנְפַאנְג מַסֶכֶת בְּרָכוֹת, אוּן זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן זָאגְן מִיט אַ זְרִיזוּת שְׁנֶעלֶערְהֵייט אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, אַ מְסֶכְתָּא נָאךְ אַ מְסֶכְתָּא, אוּן אֲפִילוּ אִין אָנְהֵייבּ וֶועט דִיר זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין אַסַאךְ זַאכְן, מַאךְ זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט צוּטוּן דֶערְפוּן, נָאר לֶערְן וַוייטֶער מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה אוֹיפְן סֵדֶר נָאךְ אוּן נָאךְ. אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן, וֶועסְטוּ נָאךְ אַסַאךְ טֶעג אוּן יָארְן זַיין בַּאקַאנְט אִין גַאנְץ מִשְׁנַיוֹת.

אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ פָּשׁוּטֶע שִׁיעוּר אִין גְמָרָא, עֶפְן דִי גְמָרָא אָנְהֵייבּ מַסֶכֶת בְּרָכוֹת אוּן הֵייבּ אָן זָאגְן שְׁנֶעל אֵיין דַף אוּן נָאךְ אַ דַף אוּן נָאךְ אַ דַף, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, בִּיז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ עֶנְדִיגְן.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ זָאלְסְטוּ טוּן מִיט שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן נָאךְ אַנְדֶערֶע סְפָרִים.

אֲפִילוּ סְ'וֶועט דִיר זַיין שְׁוֶוער אִין אָנְהֵייבּ צוּ לֶערְנֶען, דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן וִוי סְ'אִיז דִיר אַ מוֹרָאְ'דִיגֶע שְׁוֶוערֶע לַאסְט אוּן אַ שְׁוֶוערֶע עוֹל אוֹיפְן קָאפּ, אוּן נָאךְ מֶער שְׁוֶוער קֶען עֶס וֶוערְן אוֹיבּ מֶענְטְשְׁן וֶועלְן אָנְהֵייבְּן שְׁפֶּעטְן אוּן חוֹזֶק מַאכְן פוּן דִיר, 'דָאס הֵייסְט אוֹיךְ גֶעלֶערְנְט?!'... אוּן נָאךְ אַזֶעלְכֶע סָארְט וֶוערְטֶער פוּן שְׁפֶּעטְן אוּן טְשֶׁעפֶּען וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע וֶועט זִיךְ פַארְלֵייגְן מִיט דֶעם דִיר צוּ שְׁטֶערְן פוּן לֶערְנֶען וְכוּ'.

דו, מַיין לִיבֶּער זוּן! טַייעֶרער הַארְצִיגֶער בְּרוּדֶער! מַיין לִיבֶּער חָבֵר! הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דַיין נְשָׁמָה, הַאלְט אָן שְׁטַארְק צוּ הָארֶעװען אִין תּוֹרָה טָאג אוּן נַאכְט אוֹיף דֶעם װעג. אוּן אַזוֹי, דוּרְךְ דִי פִּיל חֲזָרָה װָאס דוּ װֶעסְט זִיךְ אַיינְגֶעװואוֹינֶען אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן צוּ חַזְרְ'ן אַזוֹיפִיל דִי װערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, װֶעסְטוּ שׁוֹין אָנְהַאלְטְן װַוייטֶער אִין דֶעם דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן.

גֶעדֶענְקְן זָאלְסְטוּ, אַז דִי עִיקָר לֶערְנֶען דַארְף זַיין 'פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן', 'תּוֹרָה לִשְׁמָהּ', 'פַאר דִי נְשָׁמָה', צוּ שְׁפִּירְן דִי לֶעכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי װִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים לו, י) "בְּאוֹרְךָ נִרְאֶה אוֹר". אוּן פּוּנְקְט װִי בְּרוֹיט אִיז עֶסְן פַאר דֶעם גוּף פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ "לְכוּ לַחֲמוּ בְלַחֲמִי" (מִשְׁלֵי ט, ה), אִיז דִי תּוֹרָה 'עֶסְן פַאר דִי נְשָׁמָה', (קוּק אַרַיין אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ח').

אוֹיבּ אַזוֹי, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיךְ אַזוֹי אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אוּן אוֹיסְגֶעבְּן דַיין גַאנְצֶע כֹּחַ פַאר דַיין גוּף, אוּן זִיךְ גָארְנִישְׁט אָנְשְׁטְרֶענְגֶען פַאר דִי עֶסְן פוּן דַיין נְשָׁמָה וָואס לֶעבְּט אִין דִיר?! פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אִיר נִישְׁט מַאכְן לַייכְטְן מִיט דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?!

װִיסְן זָאלְסְטוּ אַז יֶעדֶעס וָוארְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז עֶסְן פַאר דַיין נְשָׁמָה אוֹיף אֵייבִּיג אֵייבִּיג!

קוּק אַרַיין אִין הֵיילִיגְן תִּקּוּנֵי זֹהַר (הַקְדָּמָה, דַּף יד:), עֶס שְׁטֵייט דָארְט אַז יֶעדֶער אֵיינְצִיגֶער צַדִּיק הָאט אַ גַאנְצֶע װֶועלְט פַאר זִיךְ, אוּן יֶעדֶער וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען אַן הֲלָכָה בַּאקוּמְט אַ װֶועלְט, אוּן אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ עֶנְדִיגְן אֵיין מַסֶכְתָּא אִין שַׁ"ס, אָדֶער

צװיי, אָדער אַלע זעכציג מְסֶכְתּוֹת, װאס אויף זיי איז געזאָגט געוואָרן דער פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ו, ח): "שִׁשִּׁים הֵמָּה מְלָכוֹת", יעדע מְסֶכְתָּא באַזונדער איז אַ קעניגן פאַר זיך, וואויל פאר דער װאס איז זוכה איר צו יַרְשְׁנֶ'ן אויף דער װעלט.

דאס הייסט: וואויל פאר דער װאס איז זוכה צו ענדיגן איין מְסֶכְתָּא, װאס דורכדעם יַרְשְׁנְ'ט ער איין װעלט, און אַוודאי װען ער איז זוכה צו ענדיגן אַלע זעכציג מְסֶכְתּוֹת דאס הייסט גאַנץ שַׁ"ס, װאס דעמאָלט װערט ער אינגאַנצן באַהאַפטן צו די הייליגע שְׁכִינָה פון דעם אייבערשטן וְכוּ'.

**אויך איז מְקוּבָּל ביי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אין נאָמען פון הייליגן רֶבִּי'ן, אַז װער עס איז זוכה צו ענדיגן שַׁ"ס, ציט אַרויף אויף זיין פָּנִים אַ 'צֶלֶם אֱלֹקִים', ער באַקומט אַ געטליכן פָּנִים.**

דאס איז די עִיקָר שִׂמְחָה און פְרייד װאס מען פרייט זיך מיט אַ מענטש אויבן אין אַלע רוּחְנִיוּתְ'דיגע װעלטן, ס'איז נישטאָ נאָך אַזא סאָרט גרויסע פרייד אין הימל ווי װען איינער ענדיגט אַ מְסֶכְתָּא, אַזוי ווי אַבַּיֵי האָט געזאָגט (שַׁבָּת קיח.) 'װען איך האָב געזען אַ יונגער תַּלְמִיד חָכָם ענדיגט אַ מְסֶכְתָּא, האָב איך געמאַכט אַ יוֹם טוֹב פאַר די תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אין בֵּית הַמִּדְרָשׁ'. און קוק אַריין אין שׁוּלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רמו, סְעִיף כו, אין די רַמָּ"א) שְׁטייט דאָרט, 'װען מען ענדיגט אַ מְסֶכְתָּא איז אַ מִצְוָה זיך צו פרייען און מאַכן אַ סְעוּדָה, און דאס װערט אָנגערופן אַ סְעוּדַת מִצְוָה'; און די מְקוֹר פון דעם איז אין פְּסִיקְתָּא (זוּטָא פָּרָשַׁת צַו) דאָרט שְׁטייט 'כָּל הַמַּשְׁלִים מַסֶּכֶת - צָרִיךְ לַעֲשׂוֹת יוֹם טוֹב' - 'יעדער װאס ענדיגט

אַ מַסֶכְתָּא דאַרף מאַכן אַ יוֹם טוֹב'; ווייל דאָס איז די עִיקָר פְרֵייד און געשמאַק אויף די וועלט און אויף יענע וועלט, אַז אַ מענטש איז זוֹכֶה צו האָרעווען אין תּוֹרָה - גְמָרָא און פּוֹסְקִים, אוֹיפְן דֶרֶךְ הַלִימוּד פון דעם הייליגן רַבִּי'ן, לערנען מיט אַ זְרִיזוּת, דַוְקָא אויף אַ סֵדֶר פון אָנהייב בִּיזן סוֹף.

דעריבער, מיין טייערע האַרציגער חָבֵר! דער עִיקָר איז, לאָז אָפּ דיינע דִמְיוֹנוֹת און פאַנטאַזיעס, דאַרפסט גוט וויסן אַז יעדעס וואָרט תּוֹרָה און תְּפִלָּה וואָס דו כאַפּסט דאָ אַריין אויף דער וועלט, דאָס גייט זיין דיין שְׁפּייז און עסן אויף יענע וועלט, "אויב דו האָסט געלערנט אַסאַך - וועסטו באַקומען אַסאַך שָׂכָר" (אָבוֹת ב, טז), טראַכט אֲפִילוּ נִישְׁט אַנדערש, דאָס איז אַ פאַקט און אַ מְצִיאוּת.

דער הייליגער רַבִּי האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט און געזאָגט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כג): 'וואויל איז פאַר דעם מענטש וואָס עסט יעדן טאָג אַפּאָר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, און טרינקט דערנאָך אַפּאָר קאַפּיטלעך תְּהִלִים, און טוט זיך אָן מיט מִצְווֹת'. נאָר דאָס וועט דיך געבן לאַנגע גוטע טעג אויף יענע וועלט.

**ה**

## עס הייסט יאָ געלערנט

יעצט מיין טייערע חָבֵר אַז דו ווייסט שוֹין אַז דאָס איז דיין עסן אויף יענע וועלט, פאַרוואָס זאָלסטו פאַלגן

דעם יֵצֶר הָרָע װאָס פַּארְשְׁטֶעלְט זִיךְ דוּרְךְ זַיינֶע שְׁלִיחִים דִיר אַיינְצוּרֶעדְן אַז דָאס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט און דָאס גְלַייכְן, חֲזַ"ל זָאגְן דָאךְ (עֲבוֹדָה זָרָה יט.): 'לְעוֹלָם לִיגְרִיס אִינִישׁ וְאַף עַל גַּב דְמְשַׁכַּח וְאַף עַל גַּב דְלָא יָדַע מַאי קָאָמַר' [אַ מֶענְטְשׁ זָאל אֵייבִּיג זָאגְן אַסַאךְ דִי װערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְגֶעסְט, און אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט װָאס עֶר זָאגְט.]

אַזוֹי אוֹיךְ שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (קְדוֹשִׁים פה:) 'אִית מַאן דְלָעֵי בְּאוֹרַיְתָא וּמְגַמְגֵּם בָּהּ בְּגִמְגּוּמָא דְלָא יָדַע, כָּל מִלָּה וּמִלָּה סָלְקָא לְעֵילָא וְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא חָדֵי בְּהַאי מִלָּה' וְכוּ'; ["עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן װָאס שְׁטָאמְפְּלֶען אִין דִי װֶערְטֶער פוּן תּוֹרָה, זֵיי װֵייסְן אֲפִילוּ נִישְׁט װִיאַזוֹי אַרוֹיס צוּ זָאגְן רִיכְטִיג דָאס װָארְט, דַארְפְן זֵיי אָבֶער װִיסְן אַז יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע װָארְט גֵייט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל, און דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי װֶערְטֶער"]

**וּבִפְרַט אַז דוּרְכְדֶעם װָאס דוּ װֶעסְט זָאגְן אַסַאךְ דִי װערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, װֶעסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז דַיין קָאפּ װֶעט זִיךְ דִיר עֶפֶענֶען און דוּ װֶעסְט אָנְהוֹיבְן פַארְשְׁטֵיין װָאס דוּ זָאגְסְט.**

דַארְפְסְט גֶעדֶענְקְן װָאס חֲזַ"ל זָאגְן אִין מֶדְרָשׁ (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה ב, ו): בִּזְכוּת דִי תּוֹרָה, און בִּזְכוּת דִי מֶענְטְשְׁן װָאס לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, װֶעט דִי װֶעלְט גֶערַאטֶעוֶועט װֶערְן. װֶער װֵייסְט, אֶפְשָׁר דוּרְכְדֶעם װָאס דוּ װֶעסְט זִיךְ נֶעמֶען מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט און אָפְּמַאכְן אַז דוּ גֵייסְט זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי װֶערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, **מִקְרָא**, **מִשְׁנָה**, **גְמָרָא**, **און מִדְרָשׁ**, מִיט אַ סֵדֶר פוּן אָנְהֵייבּ בִּיזְן סוֹף, אֶפְשָׁר דוּרְכְדֶעם װֶעסְטוּ זַיין דֶער װָאס רַאטֶעוֶועט דִי גַאנְצֶע װֶעלְט!

אוֹיךְ שְׁטֵייט אִין "תַּנָא דְבֵי אֵלִיָהוּ" (תַּנָא דְבֵי אֵלִיָהוּ זוּטָא פֶּרֶק א') 'וִוי נָאר אַ מֶענְטְשׁ הָאט דוּרְכְגֶעלֶערְנְט תּוֹרָה נְבִיאִים כְּתוּבִים, גֶעלֶערְנְט מֶדְרָשׁ, הֲלָכוֹת אוּן אַגָדוֹת, אוּן גֶעלֶערְנְט גְמָרָא אוּן פִּלְפּוּל, לִשְׁמָהּ, גְלַייךְ רוּהְט אוֹיף אִים רוּחַ הַקוֹדֶשׁ'.

ז

## אַרייַנְכַאפְּן וִוי מֶער תּוֹרָה וִוילַאנְג מֶען לֶעבְּט

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער! דוּ וִוילְסְט אַוֶועקְשְׁטֶעלְן 'פְּלוֹידֶערֵייעֶן' פוּן שְׁטוּתִים אוּן הֲבָלִים, וָואס לֵיידִיג-גֵייעֶרְס אוּן עַמֵי אֲרָצִים פְּלוֹישְׁן, קֶעגְן אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע לֶעכְטִיגְקֵייט?! וָואס דַארְפְסְטוּ אוֹיסְהֶערְן וָואס אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זָאגְן דִיר, אַז 'דָאס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט', אוּן נָאךְ אַזֶעלְכֶע סָארְט עֶנְלִיכֶע טַעֲנוֹת?! עֶס וֶועט דָאךְ קוּמֶען אַ טָאג וָואס מִיר וֶועלְן דַארְפְן אַרייַנְגֵיין אִין פַּאלַאץ פוּן קֶענִיג [דֶער מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְלָכִים], אוּן דָארְט "וֶועט זִיךְ אָפְּזוּכְן" [וֶועט מֶען טְרֶעפְן] דִי פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, דַפִּים גְמָרָא, סִימָנִים שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים, וָואס מִיר הָאבְּן אַרייַן גֶעכַאפְּט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואס דֶער וֶועלְט אִיז נִישְׁט מֶער וִוי אַ דוּרְכְגַאנְג, פוּל מִיט נַארִישְׁקֵייטְן הַבְלֵי הֲבָלִים.

אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מֶדְרָשׁ קֹהֶלֶת רַבָּה ו, יג) דָאס לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז דָאךְ נָאר אַזוֹי וִוי לוּפְט, אוּן וִוי אַ שָׁאטְן וָואס פְלִיט אַדוּרךְ, אוֹיבּ אַזוֹי, וָואס פַאר אַ הֲנָאָה הָאט דֶער מֶענְטְשׁ אִין לֶעבְּן? נָאר עֶר זָאל זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְן מִיט תּוֹרָה וָואס אִיז אֵיין שְׁטִיק לֶעבְּן, וֶועט עֶר הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן!

אַ מֶענְטְשׁ דאַרְף זִיךְ בַּאפְלַייסְן מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע הַתְמָדָה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אַגַאנְצְן טָאג, און אוֹיסְנוּצְן יֶעדֶע בִּיסְל לֵיידִיגֶע צַייט. אַזוֹי ווִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת, פֶּרֶק ט', הֲלָכָה ה') פּוּנְקְט ווִי אַ קִינְד דַארְף זֵייגְן פוּן זַיין מַאמֶע יֶעדֶע שָׁעָה אִין טָאג - דִי זֶעלְבֶּע דַארְף יֶעדֶער אִיד זִיךְ פְּלָאגְן אִין תּוֹרָה אַלֶע שָׁעוֹת פוּן טָאג.

טְרַאכְט נִישְׁט אַז סְ'אִיז דָא עֶפֶּעס אַ בֶּעסֶערֶע װעג װיאַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶער ווִי דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה, ווַייל חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה, פֶּרֶק א'), "אַלֶע מִצְוֹות פוּן דִי תּוֹרָה קוּמְט נִישְׁט צוּ, צוּ דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען אֵיין זַאךְ פוּן דִי תּוֹרָה".

מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג לֶערְנֶען מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט, מִיט אַ נֵייעֶ חֵשֶׁק, אַז דִי תּוֹרָה זָאל זַיין בַּיי אִים אֵייבִּיג בַּאלִיבְּט, אַזוֹי ווִי אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (עֵרוּבִין נד.): דִי אַלֶע ווָאס לֶערְנֶען תּוֹרָה זֶענֶען זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן אַגַאנְצְן צַייט אַ לִיבְשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה, מַמָּשׁ פּוּנְקְט ווִי זֵיי לֶערְנֶען דָאס יֶעצְט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל.

**ז**

## תּוֹרָה רֵיינִיגְט פוּן עֲבֵירוֹת - און הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער! אֲפִילוּ סְ'אִיז שׁוֹין אוֹיף דִיר אַרִיבֶּער בִּיז יֶעצְט ווָאס עֶס אִיז אַרִיבֶּער, בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁווֶערֶע בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, בִּפְרַט פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה און אַזוֹי ווַייטֶער און ווַייטֶער, ווֶער אָבֶּער

גָארְנִישְׁט צוּבְּרָאכְן! וַוייל אוֹיבּ דוּ וֶועסְט פָאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן אָפְּמַאכְן בַּיי דִיר אַ שְׁטַארְקֶע קַבָּלָה מִיט אַ פֶּעסְטְקֵייט אַז דוּ גֵייסְט לֶערְנֶען אוּן חַזְרְ'ן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה מִיט אַ סֵדֶר פוּן אָנְהֵייבּ בִּיזְן סוֹף, הָאסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט וָואס מוֹרָא צוּ הָאבְּן, וַוייל דַיין נְשָׁמָה וֶועט זַיין אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, דַפִּין גְמָרָא, סִימָנִים שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן נָאךְ הֵיילִיגֶע סְפָרִים.

חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה, פֶּרֶק ד', הֲלָכָה ח): "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: ווִי נָאר אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אוֹיף זִיךְ דֶעם עוֹל פוּן תּוֹרָה, דָאס הֵייסְט, עֶר נֶעמְט זִיךְ פָאר אַז עֶר גֵייט שׁוֹין לֶערְנֶען תּוֹרָה, רֶעכְן אִיךְ אִים כְּאִילוּ עֶר וָואלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט"; אוֹיךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (מְנָחוֹת קי:) "וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה דַארְף נִישְׁט הָאבְּן נִישְׁט קַיין קָרְבַּן 'עוֹלָה' אוּן נִישְׁט קַיין קָרְבַּן 'חַטָּאת', נִישְׁט קַיין 'מִנְחָה' אוּן נִישְׁט קַיין 'אָשָׁם'"; וַוייל דִי תּוֹרָה בִּינְדְט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי ווִי חֲזַ"ל זָאגְן (חֲגִיגָה ג:) פּוּנְקְט ווִי דֶער 'דָרְבָן' [אַ שְׁטֶעכֶעדִיגֶע אַקֶער אַייזְן] פִּירְט דִי קוּה אַז זִי זָאל אַקֶערְן אוֹיף אַ 'גְרָאדֶע שׁוּרָה'. - אַזוֹי אִיז אוֹיךְ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה, פִּירְט דִי תּוֹרָה דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיפְן גְלַייכְן וֶועג, עֶס נֶעמְט אִים אַרוֹיס פוּן דִי וֶועג וָואס פִּירְט צוּם טוֹיט, אוּן פִּירְט אִים צוּ דִי וֶועג פוּן לֶעבְּן. אַזוֹי ווִי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין מֶדְרָשׁ (בַּמִּדְבָּר רַבָּה יד, ט) אַז 'תּוֹרָה' וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'אוֹר' - 'לֶעכְטִיגְקֵייט' אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי ו, כג) "וְתוֹרָה אוֹר" ['תּוֹרָה אִיז לֶעכְטִיג'], זָאגְט אוֹיף דֶעם דִי מֶדְרָשׁ פַארְוָואס וֶוערְט דִי תּוֹרָה אָנְגֶערוּפְן 'אוֹר' - 'לֶעכְטִיגְקֵייט'? וַוייל דִי תּוֹרָה שַׁיינְט פַארְן מֶענְטְשׁ אוּן וַוייזְט אִים וָואס צוּ טוּן. אוּן

וויבּאַלְד דִי תּוֹרָה לֶערְנְט אוֹיס פַאְרן מֶענְטְשׁ וְויאַזוֹי צוּ טוּן דִי ווילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר אִיז דִי שְׂכַר פוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זֵייעֶר גְרוֹיס.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת לִמּוּד סִימָן י׳) אַז יֶעדֶע פְּרִישֶׁע יְדִיעָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעוואוֹיר אִין הֲלָכוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, סַיי אִין מִצְווֹת ׳בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ׳ [וָואס אִיז שַׁיָיךְ צְווישְׁן אַ מֶענְטְשׁ אוּן זַיין חַבֵר], אוּן סַיי אִין מִצְווֹת ׳שֶׁבֵּין אָדָם לַמָקוֹם׳ [וָואס הָאט צוּטוּן צְווישְׁן דִי מֶענְטְשׁ אוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן], דָאס אַלֵיינְס וָואס דֶער מֶענְטְשׁ לֶערְנְט אוּן וֵוייסְט דִי הֲלָכָה, דָאס אַלֵיין בְּרֶענְגְט שׁוֹין הַצְלָחָה פַאְרן מֶענְטְשׁ.

חֲזַ״ל זָאגְן (דְּבָרִים רַבָּה פָּרָשָׁה ד, סִימָן ד) דִי ׳נְשָׁמָה׳ פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן דִי הֵיילִיגֶע ׳תּוֹרָה׳, בֵּיידֶע זֶענֶען צוּגֶעגְלִיכְנְט צוּ אַ ׳לִיכְט׳. דִי ׳נְשָׁמָה׳ אִיז צוּגֶעגְלִיכְנְט צוּ אַ ׳לִיכְט׳, ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי כ, כז): ״נֵר ה׳ נִשְׁמַת אָדָם״ [״דִי לִיכְט פוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דִי ׳נְשָׁמָה׳ פוּן מֶענְטְשׁ״]. - אוּן בַּיי דִי ׳תּוֹרָה׳ שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שָׁם ו, כג): ״כִּי נֵר מִצְוָה וְתוֹרָה אוֹר״. [״אַ מִצְוָה אִיז ווִי אַ לִיכְט אוּן תּוֹרָה אִיז לֶעכְטִיג״] דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט צוּם מֶענְטְשׁ: גֶעבּ אַ קוּק! מַיין לֶעכְטְל לִיגְט אִין דַיינֶע הֶענְט, אוּן דַיין לֶעכְטְל לִיגְט אִין מַיינֶע הֶענְט. אוֹיבּ דוּ הִיטְסְט אָפּ מַיין לֶעכְטְל [דָאס הֵייסְט דִי תּוֹרָה] - הִיט אִיךְ אָפּ דַיין לֶעכְטְל [דַיין נְשָׁמָה], אוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם הָאסְטוּ אוֹיסְגֶעלָאשְׁן מַיין לֶעכְטְל, לֶעשׁ אִיךְ אוֹיס דַיין לֶעכְטְל וְכוּ׳.

אוֹיבּ וֶועסְטוּ זִיךְ אָבֶּער יָא בַּאפְלַייסְן אִין תּוֹרָה, וֶועט אוֹיף דִיר שַׁיינֶען דִי לֶעכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן,

אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה כא.): דֶער פָּסוּק כַאפְּט אָן אַ לָשׁוֹן פוּן 'לִיכְטִיגְקֵייט' וֶוען עֶר רֶעדְט פוּן 'תּוֹרָה' [(מִשְׁלֵי ו, כג) "וְתוֹרָה אוֹר"], כְּדֵי דִיר צוּ זָאגְן אַז: פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי 'לִיכְטִיגְקֵייט' בַּאשִׁיצְט דֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי טוּט 'תּוֹרָה' בַּאשִׁיצְן דֶעם מֶענְטְשׁ.

אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק (משלי ו, כב) "בְּהִתְהַלֶּכְךָ תַּנְחֶה אֹתָךְ בְּשָׁכְבְּךָ תִּשְׁמֹר עָלֶיךָ".

"בְּהִתְהַלֶּכְךָ תַּנְחֶה אֹתָךְ" [וֶוען דוּ וֶועסְט גֵיין, וֶועט דִי תּוֹרָה דִיךְ פִירְן] מֵיינְט אוֹיף דִי וֶועלְט!

"בְּשָׁכְבְּךָ תִּשְׁמֹר עָלֶיךָ" [וֶוען דוּ וֶועסְט לִיגְן, וֶועט זִי הִיטְן אוֹיף דִיר] דָאס מֵיינְט מֶען בַּיים שְׁטַארְבְּן!

דִי תּוֹרָה הִיט אָפּ אוּן בַּאשִׁיצְט דֶעם מֶענְטְשׁ אֵייבִּיג, סֵיי בַּיים לֶעבְּן, אוּן סֵיי נָאכְן שְׁטַארְבְּן.

## ח

## מוּז מֶען אַלֶעס טוּן הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט?

מ'זֶעט רוֹב פוּן דִי יוּנְגְוַוארְג וָואס פַארְנַאכְלֶעסִיגְן דָאס לֶערְנֶען, סֵיי דִי בָּחוּרִים, אוּן סֵיי אִינְגֶעלַייט נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אַלֶעס קוּמְט פוּן אִיבֶּעְרִיגֶע חוּמְרוֹת, זֵיי ווִילְן טוּן אַלֶעס הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט, מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס הִידוּר, (עַיֵּן לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, קְרִיאַת הַתּוֹרָה, הֲלָכָה ו', אוֹת ו'). אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בַּיים לֶערְנֶען, ווִיל עֶר לֶערְנֶען מִיט אַ טִיפֶע עִיוּן אוּן אַלֶעס גוּט פַארְשְׁטֵיין, אוּן אוֹיב נִישְׁט - מַאכְט עֶר

אָפּ בַּיי זִיךְ אִין זַיין פְּגוּמְ'דִיגְן שֵׂכֶל אַז סְ'הֵייסְט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, אָבֶער וִויבַּאלְד זַיין קָאפּ אִיז לְמַעֲשֶׂה נִישְׁט גְרֵייט פַּאר אַזַא סָארְט לֶערְנֶען וִוי עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעמָאלְט, לֶערְנְט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט.

אַזוֹי דְרֵייט זִיךְ דִי זֶעלְבֶּע פְּרָאבְּלֶעם אוֹיךְ בַּיי בַּעֲלֵי בָּתִּים אָדֶער עֶלְטֶערֶע אִידְן וָואס זֶענֶען אַדוּרְךְ אִין זֵייעֶר לֶעבְּן אַסַאךְ צָרוֹת אוּן נִסְיוֹנוֹת. אוּן פוּן אַזוֹיפִיל בִּלְבּוּלִים אוּן טִרְדוֹת, אוּן פוּן זַיין אַזוֹי פַּארְנוּמֶען מִיט דִי בִּיזְנֶעס, אִיז גֶעוָוארְן בַּיי זֵיי אָפְּגֶעמַאכְט אִין קָאפּ, אַז "קַיין לַמְדָן וֶועל אִיךְ שׁוֹין מִמֵילָא נִישְׁט זַיין, אוֹיב אַזוֹי, וָואס דַארְף אִיךְ בִּכְלַל לֶערְנֶען?!", אוּן דֶערְפַאר אַנְשְׁטָאט לֶערְנֶען, לֵיינְט עֶר צֵייטוּנְגֶען אוּן נִישְׁט עֶרְלִיכֶע בִּיכֶער אוּן דָאס גְלַייכְן, אוּן בַּאקוּמְט זַיין הַשְׁקָפָה אִין לֶעבְּן פוּן לֵצִים אוּן כּוֹפְרִים אוּן עֶקְלְדִיגֶע זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן דֶערְוַוייל פַארְבְּרֶענְט עֶר זַיין טֵייעֶרֶע צַייט, וָואס אִין יֶעדֶע רֶגַע פוּן טָאג וָואלְט עֶר דָאךְ גֶעקֶענְט זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דִי לֶעכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס לִיגְט בַּאהַאלְטְן אִין דֶעם טָאג.

בֶּאֱמֶת אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט וֶוען גֶעהַאט אַבִּיסְל יִשּׁוּב הַדַעַת, עֶר וָואלְט אַבִּיסְל אַרַיינְגֶעטְרַאכְט וָואס עֶר טוּט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואלְט עֶר זִיךְ אַלֵיין גֶעכַאפְּט אַז 'הַיינְט מָארְגְן דַארְף מֶען דָאךְ שׁוֹין אִיבֶּערְלָאזְן דִי וֶועלְט', אוּן וָואס וֶועל אִיךְ עֶנְטְפֶערְן אוֹיבְן וֶוען דֶער שׁוֹמֵר הַפֶּתַח וֶועט מִיךְ פְרֶעגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה פֶּרֶק א'): וִויפִיל 'מִקְרָא' הָאסְטוּ גֶעלֶערְנְט? וִויפִיל 'מִשְׁנָיוֹת' הָאסְטוּ גֶעלֶערְנְט? אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט, וֶוערְט מֶען פָּשׁוּט מְשׁוּגָע, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (כְּתֻבּוֹת נט.): 'הַבַּטָּלָה

מְבִיאָה לִידֵי זִמָּה, הַבַּטָּלָה מְבִיאָה לִידֵי שִׁעֲמוּם׳; [גֵיין ליידיג ברענגט אז מען זאל טון עבירות, און אזוי אויך מאכט ליידיג-גיין אז דער מענטש זאל ווערן משוגע].

אויב אַ מענטש איז אבער יא זוכה, ער געוואוינט זיך צו צו לערנען אויף דעם וועג פון דעם היילִיגן רבי'ן, פּראסט און פּשוט, אן קיין חכמות, דעמאלטס וועט ער שטענדיג האבן אַ חשק און אַ ווילן צו לערנען. און אפילו אויב ס'האט זיך אים געמאכט עפּעס אַ שטער, אדער ער איז געווען פארִיאגט און נישט געקענט לערנען יעצט, ווערט ער נישט צובראכן, נאר ער ווארט עס זאל אריבער גיין די שטער און די טירדא, און לערנט ווייטער נאך און נאך, ווייל ער ווייסט אז נאר דאס וועט אים בלייבן אויף אייביג. יעדע משנה, יעדע קאפּיטל תהלים, וואס ער זאגט, יעדע פּרוטה וואס ער געבט פאר צדקה, יעדע רגע וואס ער האט ארויסגעכאפּט צו רעדן אפילו אַ ווארט צום אייבערשטן, וועט אים בלייבן אויף אייביג און קיינמאל נישט פארלוירן ווערן פון אים.

ממילא אפילו אויב אַ מענטש האט שוין פארגעסן וואס ער האט געלערנט אַ רגע צוריק, איז וואס? די רגע אבער וואס ער האט געלערנט ווערט קיינמאל נישט פארלוירן! נאר יעדע איינציגע טאג און יעדע שעה און יעדע רגע גייט ארויף אויבן אין הימל. ווייל די 'טעג' פון דער וועלט זענען באמת העכערע סארט ספירות פון רוחניות'דיגע געטליכקייטן, און יעדע גוטע זאך וואס מען טוט דא אויף דער וועלט, בלייבט אויף אייביג און ווערט קיינמאל נישט פארלוירן.

**דעריבער ווען דו קומסט אהיים נאך אַ שווערע טאג ארבעט וואס דו האסט געארבעט אגאנצן טאג, עפן אויף**

**דֶעם מִשְׁנָיוֹת און זָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, און אַזוֹי אוֹיךְ דִי גְמָרָא, און שׁוּלְחָן עָרוּךְ, און אַזוֹי וַוייטֶער** וָואסֶערֶע סֵפֶר נָאךְ דוּ ווילְסְט נָאר.

אוֹיבּ װֶועסְטוּ פְרֶעגְן: "וָואס אִיז דִי לִיצָנוּת דָא? אִיךְ זָאג סְתָּם װֶוערְטֶער, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דָאךְ מְמֵילָא נִישְׁט, עֶס הֵייסְט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעלֶערְנְט!" ווִיל אִיךְ דִיר פְרֶעגְן: "און אוֹיבּ פַארְשְׁטֵייסְטוּ נִישְׁט אַלֶעס, זָאלְסְטוּ װֶועגְן דֶעם אַלֶעס אָפְּלָאזְן און נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין עֶנְדֶערְשׁ אַ סֶעלְפָאן, אַ צֵייטוּנְג, הֶערְן רַאדִיָא, אָדֶער זִיצְן און פְּלוֹישְׁן מִיט לֵצִים שְׁטוּתִים און נַארִישְׁקֵייטְן וְכוּ' וְכוּ'?!"

פּוּנְקְט פַארְקֶערְט! אוֹיבּ װֶועסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען לֶערְנֶען אוֹיף דֶעם װֶועג, װֶועסְטוּ סוֹף כָּל סוֹף זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַלֶע סָארְט לֶעכְטִיגְקֵייטְן בְּשְׁעַת'ן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַזוֹי ווִי אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יְבָמוֹת קיז.): אַז דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי כז, יט) "כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים, כֵּן לֵב הָאָדָם לָאָדָם" [פּוּנְקְט ווִי דִי טֶבַע פוּן 'וַואסֶער' אִיז, אַז וָואסֶערֶע פָּנִים דוּ וַוייזְט צוּם וַואסֶער - דִי זֶעלְבֶּע פָּנִים שְׁפִּיגְלְט עֶס צוּרִיק. אַזוֹי אוֹיךְ לוֹיט ווִיפִיל לִיבְּשַׁאפְט אַ מֶענְטְשׁ הָאט בֶּאֱמֶת צוּ זַיין חַבֵר - אַזוֹי וַוייזְט זַיין חַבֵר אִים צוּרִיק אַ פְרַיינְדְלִיכְן פָּנִים] זָאגְן חֲזַ"ל אַז דֶער פָּסוּק גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִבְרֵי תּוֹרָה. און רַשִׁ"י עֶרְקְלֶערְט דָאס: אַז לוֹיט ווִיפִיל דוּ קֶערְסְט דַיין פָּנִים צוּ דִי תּוֹרָה, און לוֹיט ווִיפִיל הַארְץ דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אִין תּוֹרָה, אַזוֹי סַאךְ װֶועט דַיין הַארְץ דִיךְ לָאזְן שְׁפִּירְן דֶעם זִיסְן טַעַם פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יז): וָוען דִי תּוֹרָה װֶועט דִיךְ וַוייזְן לִיבְּשַׁאפְט, װֶועסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט װֶועלְן

קַיין שׁוּם שְׂכַר עוֹלָם הַבָּא, דוּ װֶעסְט נָאר װעלְן דִי תּוֹרָה אַלֵיין; וַוייל לוֹיט װיפִיל דוּ װֶעסְט בַּאװַייזְן דַיין פָּנִים צוּ דִי תּוֹרָה, אַזוֹי װֶעט דִי תּוֹרָה זִיךְ בַּאװַייזְן צוּ דִיר. אוּן חֲזַ"ל זָאגְן (גִיטִין מג.) אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט פַּארְשְׁטֵיין דִי תּוֹרָה נָאר אוֹיבּ עֶר אִיז קוֹדֶם גֶעשְׁטְרוֹיכְלְט גֶעוָוארְן אוּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט רִיכְטִיג פְּשַׁט.

אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶס קוּמְט אַסַאךְ מָאל אָן זֵייעֶר שְׁװֶוער דָאס לֶערְנֶען, סַיי בַּיי אַ בָּחוּר וָואס אִיז פַּארְפְּלֶעקְט גֶעוָוארְן חַס וְשָׁלוֹם זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן זַיין מֹחַ אִיז אִים זֵייעֶר נִישְׁט קְלָאר, אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן מִיט זַיין יֵצֶר הָרָע; סַיי אַ יוּנְגֶערְמַאן וָואס אִיז פַּארְיָאגְט מִיט פַּרְנָסָה אוּן אַרְבֶּעט שְׁװֶוער אַגאַנְצְן טָאג; אוּן סַיי אַן אַלְטֶער אִיד וָואס זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן זֶענֶען אִים שׁוֹין פַּארְבַּיי גֶעלָאפְן בִּיז יֶעצְט אִין פִינְסְטֶער, דַארְף מֶען אָבֶּער גֶעדֶענְקְן וָואס חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין ק.): "יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס פַּארְשְׁוַוארְצְט זַיין פָּנִים פַּאר דִי תּוֹרָה אוֹיף דִי וֶועלְט, מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז זַיין פָּנִים זָאל לַייכְטְן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט". נָאךְ זָאגְן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (עֲבוֹדָה זָרָה ב.): "לְעָתִיד לָבֹא וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַרוֹיס בְּרֶענְגְן אַ סֵפֶר תּוֹרָה אוּן עֶס לֵייגְן אוֹיף זַיין שׁוֹיס אוּן זָאגְן פַּאר דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה זֵיי זָאלְן קוּמֶען אוּן אָפְּנֶעמֶען זֵייעֶר שְׂכַר".

**אוֹיבּ אַזוֹי, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זַיין אַזוֹי צוּבְּרָאכְן? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט פָּאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן?** דַארְפְסְט גֶעדֶענְקְן אַז דִי תּוֹרָה וָואס דוּ לֶערְנְסְט דָאס אִיז דַיינְ'ס, דָאס גֵייט זַיין דַיין פַארְמֶעגְן אוֹיף אֵייבִּיג! **אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען אוֹיף דֶעם וֶועג פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן,**

**וועסטו שוין שטענדיג זיין פארנומען מיט לערנען, דו וועסט אייביג לערנען עפעס, אדער תורה נביאים כתובים, אדער משניות, אדער גמרא, אדער מדרש, אדער שולחן ערוך, אדער זוהר הקדוש, אדער אנדערע שיעורים. און אפילו ווען דו וועסט זיין אינטערוועגנס אדער זיצן אין א געשעפט, וועסטו האבן ביי דיר גרייט ספרים צו לערנען ווייל דו ווייסט דאך קלאר אז נאר דאס וועט דיך בלייבן אויף אייביג.**

## ט

## איך פארגעס וואס איך לערן

יעצט לאמיר רעדן וועגן נאך א גרויסע סיבה פארוואס אסאך מענטשן פארנאכלעסיגן צו לערנען די הייליגע תורה, און הערן אויף לערנען. די סיבה איז, ווייל זיי האבן א באטור אז 'זיי פארגעסן וואס זיי לערנען', בפרט די וואס זענען שוין אראפגעפאלן וואו זיי זענען ליידער אראפגעפאלן, פארשמירט געווארן מיט וואס זיי זענען פארשמירט געווארן, און דורכדעם חרוב געמאכט זייער מח, און קענען נישט געדענקן קיין לערנען; איז וויבאלד זיי פארגעסן די לערנען, דאכט זיך זיי אז זיי פלאגן זיך אומזיסט, און פארנאכלעסיגן וועגן דעם אינגאנצן דאס לערנען, ביז ס'זענען דא אסאך מענטשן וואס זענען שוין אזוי צובראכן געווארן דערפון, אז זיי עפענען שוין בכלל נישט קיין ספר, נישט קיין חומש, נישט קיין נ"ך, משניות, גמרא, מדרש, און אזוי ווייטער, וויבאלד זייער

הַארץ אִיז שׁוֹין אַזוֹי צוּבְּרָאכְן אוּן פַּארְוֶוייטָאגְט, זֵיי זֶענֶען בַּיי זִיךְ אַזוֹי דֶערְשְׁלָאגְן אוּן צוּבְּרָאכְן אוֹיף שְׁטִיק שְׁטִיקֶער מַמָּשׁ ווִי אַ צוּבְּרָאכֶענֶע שַׁארְבְּ, אַז זֵיי זֶענֶען זִיךְ שׁוֹין אִינְגַאנְצְן מְיַיאֵשׁ פוּן זֵייעֶר לֶעבְּן, אוּן פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דִי עֲבֵירָה פוּן הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַייסְט אוֹיס דִי מֹחַ, אַז דֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן פַּארְגֶעסְן, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אַז בָּחוּרִים זֶענֶען זִיךְ מְיַיאֵשׁ פוּן לֶערְנֶען, וַוייל גְלַייךְ ווִי זֵיי הָאבְּן נָאר עֶפֶּעס גֶעלֶערְנְט פַּארְגֶעסְן זֵיי אַלֶעס.

עֶס אִיז אָבֶּער נִישְׁט רִיכְטִיג דָאס וָואס זֵיי טְרַאכְטְן, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כו): אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף ווִיסְן אַז סְ'וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס מְ'וֶועט אִים דֶערְמַאנֶען אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶר הָאט עֶס פַּארְגֶעסְן. אוּן דִי מְקוֹר דֶערְפוּן אִיז פוּן דֶעם הֵיילִיגְן אֲרִיזַ"ל (סֵפֶר שַׁעַר הַמִּצְווֹת, פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן) וָואס עֶר שְׁרַייבְּט דָארְט אַזוֹי: "אִין דֶעם עִנְיָן פוּן 'שִׁכְחָה', וָואס מֶענְטְשְׁן 'פַּארְגֶעסְן', אוּן דָאס מַאכְט זֵיי פוֹיל אוּן פַּארְשְׁלָאפְן אַז זֵיי הַאלְטְן זִיךְ צוּרִיק פוּן לֶערְנֶען אוּן ווִילְן שׁוֹין נִישְׁט לֶערְנֶען, מִיט אַ טַעֲנָה - אַז זֵיי פְּלָאגְן זִיךְ פַאר גָארְנִישְׁט, ווִיבַּאלְד זֵיי פַּארְגֶעסְן דָאךְ מְמֵילָא אַלֶעס, זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז כָאטְשׁ עֶר פַּארְגֶעסְט וָואס עֶר לֶערְנְט, פְּלָאגְט עֶר זִיךְ נִישְׁט פַּאר אוּמְזִיסְט חַס וְשָׁלוֹם, וַוייל אִין עוֹלָם הַבָּא אוּן לֶעָתִיד לָבֹא וֶועט מֶען אִים דֶערְמַאנֶען אַלֶעס וָואס עֶר הָאט פַּארְגֶעסְן".

אוֹיךְ וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין מֶדְרָשׁ (קֹהֶלֶת רַבָּה א, לד) אַז אַזוֹי אַרְבֶּעט דִי וֶועג פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט אוּן פַּארְגֶעסְט! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס סְפֶּעצִיעֶל אַזוֹי גֶעמַאכְט פַאר דִי טוֹבָה פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל לֶערְנֶען אוּן פַּארְגֶעסְן, וַוייל אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט

געלערנט תּוֹרה און נישט פאַרגעסן, וואלט ער געלערנט תּוֹרה נאר צוויי דריי יאר, און דערנאך צוריק געגאנגען צו זיין אַרבעט און קיינמאל מער נישט אָנגעקוקט די תּוֹרה, אָבער וויבאלד אַ מענטש לערנט תּוֹרה און פאַרגעסט, לאָזט ער קיינמאל נישט אָפּ די תּוֹרה, ווייל ער דאַרף עס שטענדיג איבערחזר'ן נישט צו פאַרגעסן.

דער הייליגער רבי האט דערציילט דערביי אַ שיינע משל: עס איז געווען אַמאל איינער וואס האט געדינגען מענטשן אָנצופילן פעסער, אָבער די פעסער זענען געווען געלעכערט, און וואס מען האט נאר אַריינגעגאָסן דערין איז אַרויס געריגען, האבן די טיפּשים געזאָגט: "וואס דאַרפן מיר זיך אַזוי פּלאָגן אָנצופילן די פעסער, עס רינט דאך ממילא אַלעס אַרויס אינדרויסן"?! ס'איז אָבער דאָרט געווען אויך אַ קלוגער מענטש, וואס האט געהאט מער שׂכל פון זיי, און ער האט זיך געמאכט אַ חשבון, "וואס גייט מיר אָן אַז עס רינט אַרויס? מען צאָלט דאך מיר ממילא אויף יעדן טאָג וואס איך אַרבעט, איך באַקום נישט ווייניגער באַצאָלט אויב עס רינט אַרויס, ווייל מען צאָלט מיר דאך אויפן טאָג, איז וואס גייט עס מיר אָן אויב עס גיסט זיך אויס, איך אַרבעט ווייטער!"

דאָס זעלבע איז מיטן לערנען, אפילו אויב מען פאַרגעסט וואס מען לערנט, איז דאָס אַזוי ווי די משל פון די פאַס, וואס די שׂכר וועט נישט ווערן ווייניגער, נאר מען וועט באַקומען באַצאָלט פאַר יעדן איינציגן טאָג וואס מען האט געלערנט די הייליגע תּוֹרה.

אַז אַ מענטש פאַרגעסט וואס ער לערנט איז באמת דאָ דערין אויך אַ מעלה, אַז יעדעס מאָל וואס ער לערנט

נָאכְאַמָאל דָאס וָואס עֶר הָאט שׁוֹין גֶעלֶערְנְט, לֶערְנְט עֶר עֶס מִיט אַ נַייעֶ חֵשֶׁק, וַוייל ס'אִיז בַּיי אִים אַזוֹי וִוי אַ נַייעֶ זַאךְ וָואס עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, וַוייל עֶר הָאט דָאס דָאךְ שׁוֹין פַארְגֶעסְן.

דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה צז, ה): מֶען זֶעהְט בַּיי דִי פִּישׁ אַז אֲפִילוּ זֵיי װאוֹינֶען אוּן לֶעבְּן אַגַאנְצְן טָאג אִין וַואסֶער, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אַז עֶס קוּמְט אַרָאפּ אַ נַייעֶ טְרָאפּ רֶעגְן וַואסֶער פוּן הִימְל, כַאפְּן זֵיי דָאס מִיט אַזַא דָארְשְׁט, כְּאִילוּ זֵיי הָאבְּן נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט טוֹעֵם גֶעוֶוען דִי טַעַם פוּן וַואסֶער אִין זֵייעֶר לֶעבְּן; אַזוֹי אוֹיךְ אִידְן וַואקְסְן אוֹיף אִין וַואסֶער - דָאס מֵיינְט מֶען דִי תּוֹרָה, אוּן וִוי נָאר זֵיי הֶערְן עֶפֶּעס אַ נַייעֶ וָוארְט פוּן תּוֹרָה שְׁלִינְגֶען זֵיי דָאס מִיט אַזַא דָארְשְׁט, אַזוֹי וִוי אֵיינֶער וָואס הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל אִין לֶעבְּן נִישְׁט גֶעהֶערְט קַיין דְבַר תּוֹרָה, וַוייל יֶעדֶעס מָאל וָואס עֶר הֶערְט אַ וָוארְט תּוֹרָה, אִיז עֶס בַּיי אִים מַמָשׁ וִוי נֵיי.

דֶער אֱמֶת אִיז, אַז אֲפִילוּ אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט אַלֶעמָאל וָואס עֶר לֶערְנְט, דַארְף עֶר אָבֶער וִויסְן אַז אוֹיב וֶועט עֶר חַזְרְ'ן אַסַאךְ מָאל, אוּן וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ עֶנְדִיגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, חוּמָשׁ, תַּנַ"ךְ, מִשְׁנָיוֹת, גְמָרָא, מֶדְרָשׁ, אוּן נָאךְ אוּן נָאךְ סְפָרִים, וֶועט עֶר צוּם סוֹף זוֹכֶה זַיין אַז דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער וֶועט אִים שֶׁענְקְן דִי תּוֹרָה פַאר אַ מַתָּנָה, אוּן עֶר וֶועט שׁוֹין יָא גֶעדֶענְקְן. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (יְרוּשַׁלְמִי הוֹרָיוֹת, פֶּרֶק ג, הֲלָכָה ה): אַז אַלֶע פֶערְצִיג טֶעג וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְן בַּארג הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה אוּן נָאכְדֶעם פַארְגֶעסְן, בִּיז צוּם סוֹף הָאט עֶר בַּאקוּמֶען דִי תּוֹרָה פַאר אַ מַתָּנָה. פְרֶעגְט דִי גְמָרָא, פַארְוָואס הָאט עֶר עֶס גֶעדַארְפְט אַזוֹי

פיל מאל לערנען און פארגעסן? ענטפערט די גמרא, כדי צוריק צו ברענגען די טיפשים צום לערנען! [זאגט דער 'פני משה' פשט, אז דאס מיינט מען די מענטשן וואס פארגעסן דאס לערנען, אז זיי זאלן נישט זאגן "פארוואס דארפן מיר זיך פלאגן פאר גארנישט, מיר פארגעסן דאך ממילא?", אויף דעם ענטפערט די גמרא, 'קוק אויף משה רבינו' ער האט דאך אויך געלערנט נאכאמאל און נאכאמאל אפילו ער האט פארגעסן, ביז צום סוף האט ער זוכה געווען אז מען האט אים געגעבן די תורה א מתנה].

חז"ל זאגן (סנהדרין ק.): יעדער וואס מאכט זיך 'הונגעריג אויף תורה', ער וויל אלץ לערנען נאך און נאך אזוי ווי א הונגעריגע מענטש וואס עסט נאך און נאך, איז זוכה אז דער אייבערשטער וועט אים אנזעטיגן אויף יענע וועלט, ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים לו, ט): "ירוין מדשן ביתך, ונחל עדניך תשקם"; ["זיי וועלן ווערן אנגעזעטיגט פון די גוטע פעטע געשמאקע עסן וואס זיי גייען באקומען פון דיין הויז, און פון די געשמאקע וואסערן וואס קומט ארויס פון גן עדן וועסטו זיי אנטרענקן"]. דאס הייסט אזוי ווי א הונגעריגער מענטש וואס עסט מיט אפעטיט און גרויס חשק, און ווי מער הונגעריג ער איז אלץ מער עסט ער, אזוי אויך מיט לערנען תורה דארף זיך א מענטש הונגעריג מאכן כאילו ער האט נאך קיינמאל נישט געלערנט, אזוי וועט ער זוכה זיין צו לערנען יעדעס מאל מיט א נייע חשק, און דורכדעם וועט ער זוכה זיין אז עס וועט שיינען אויף אים די לעכטיגקייט פונעם אייבערשטן, און ער וועט באקומען אן אויסטערלישע גוטע שכר, דער אייבערשטער וועט אים שענקן אויף יענע וועלט אין גן עדן א מורא'דיגע הנאה און פארגעניגן וואס מען קען

זיך אֲפִילוּ נִישְׁט פַּארְשְׁטֶעלְן. און דִי פִּיל תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט, דָאס אַלֵיין וֶועט שׁוֹין זַיין אַ בַּאלוֹינוּנְג פַאר אִים, וַוייל אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ פַּארְשְׁטֵיין אַלֶעס וָואס עֶר הָאט נִישְׁט פַּארְשְׁטַאנֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, און נִישְׁט נָאר סְתָּם פַּארְשְׁטֵיין פְּשַׁט, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט בַּאלַייכְטְן זַיינֶע אוֹיגְן צוּ פַּארְשְׁטֵיין דִי בַּאהַאלְטֶענֶע טִיפֶע סוֹדוֹת פוּן דִי תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט, דֶערִיבֶּער טָאר מֶען גָארְנִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן וֶוען מֶען פַּארְגֶעסְט וָואס מֶען לֶערְנְט.

**מַיין לִיבֶּער זוּן! דוּ לֶערְן פְלַייסִיג מִיט הַתְמָדָה, עֶנְדִיג און שְׁפַּאצִיר אַדוּרְךְ דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, מִקְרָא [תּוֹרָה נְבִיאִים כְּתוּבִים], מִשְׁנָיוֹת, שַׁ״ס בַּבְלִי און יְרוּשַׁלְמִי, תּוֹסֶפְתָּא, און אַלֶע מִדְרָשִׁים, זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, תִּיקוּנֵי זוֹהַר, רַמְבַּ״ם, טוּר, שׁוּלְחָן עָרוּךְ, און אַזוֹי וַוייטֶער,** און אֲפִילוּ סְ'אִיז דָא אַסַאךְ זַאכְן וָואס דוּ פַּארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט, און דוּ פַּארְגֶעסְט; זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז סְ'וֶוערְט גָארְנִישְׁט פַּארְלוֹירְן און פַּארְגֶעסְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, דָארְט אִיז מֶען זוֹכֶה סַיי צוּ גֶעדֶענְקְן און סַיי צוּ פַּארְשְׁטֵיין גוּט און טִיף דִי תּוֹרָה וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט.

חֲזַ״ל זָאגְן (אִין מִדְרָשׁ קֹהֶלֶת רַבָּה ב, א): רֶבִּי חִזְקִיָּה הָאט נָאכְגֶעזָאגְט אִין נָאמֶען פוּן רַבִּי סִימוֹן בַּר זַבְדִי, ״אַלֶעס וָואס אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט דָא תּוֹרָה אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז גָארְנִישְׁט אַקֶעגְן דִי תּוֹרָה וָואס עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, וַוייל אוֹיף דִי וֶועלְט לֶערְנְט אַ מֶענְטְשׁ תּוֹרָה און עֶר פַּארְגֶעסְט, אָבֶּער אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אַ פָּסוּק (יִרְמְיָה לא, לב): ״נָתַתִּי אֶת תּוֹרָתִי בְּקִרְבָּם״; [אִיךְ וֶועל אַרַיינְלֵייגְן דִי תּוֹרָה אִין זֵיי], דָאס הֵייסְט דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט וֶוערְן אִינְגַאנְצְן בַּאהָאפְטְן צוּ דִי תּוֹרָה.

אויךְ שְׁטֵייט אִין מֶדְרָשׁ (תַּנְחוּמָא פָּרָשַׁת תָּבוֹא): רֶבִּי אַבָּא זָאגְט, בֶּאֱמֶת הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט גֶעדַארְפְט גֶעבְּן דִי תּוֹרָה צוּ דִי אִידְן אוֹיף דִי וֶועלְט - פַארְוָואס? ווַייל יֶעדֶער גֵייט לֶערְנֶען תּוֹרָה פוּן דִי מוֹיל פוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס אוֹיף יֶענֶע וועלְט, נָאר פַארְוָואס הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה אוֹיף דִי וֶועלְט? כְּדֵי אַז ווֶען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט קוּמֶען לֶערְנֶען מִיט זֵיי תּוֹרָה אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט זָאלְן אַלֶע וויסְן וֶועלְכֶע פַּרְשָׁה מֶען לֶערְנְט יֶעצְט, וֶועגְן דֶעם שְׁטֵייט (דְּבָרִים כח, א) "אִם שָׁמוֹעַ תִּשְׁמַע", 'אִם שָׁמוֹעַ' - אוֹיבּ דוּ וֶועסְט הֶערְן אוֹיף דִי וֶועלְט, 'תִּשְׁמַע' וֶועסְטוּ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ הֶערְן אוּן פַארְשְׁטֵיין אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל זָאגְן (יַלְקוּט יְשַׁעְיָה, רֶמֶז תעט): דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט: אוֹיף דִי וֶועלְט לֶערְנֶען אִידְן תּוֹרָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז פְלֵייש אוּן בְּלוּט, דֶערְפַאר פַארְגֶעסְן זֵיי, דִי תּוֹרָה אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן דוּרְךְ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ בָּשָׂר וָדָם, אוּן פוּנְקְט ווִי אַ מֶענְטְשׁ פוּן פְלֵייש אוּן בְּלוּט בְּלַייבְּט נִישְׁט דָא אוֹיף אֵייבִּיג, אַזוֹי אוֹיךְ דָאס וָואס עֶר הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט גֶעדֶענְקְט מֶען נִישְׁט אוֹיף אֵייבִּיג, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי כג, ה): "הֲתָעִיף עֵינֶיךָ בּוֹ וְאֵינֶנּוּ"; [גְלַייךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אַוֶועק פוּן דִי תּוֹרָה, פַארְגֶעסְט עֶר עֶס שׁוֹין], אָבֶער לֶעָתִיד לָבֹא וֶועלְן דִי אִידְן לֶערְנֶען תּוֹרָה נָאר פוּנֶעם מוֹיל פוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְשַׁעְיָה נד, יג): "וְכָל בָּנַיִךְ לִמּוּדֵי ה'". [דִי אִידְן וֶועלְן אַלֶע לֶערְנֶען תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין], אַזוֹי אוֹיךְ שְׁטֵייט (יִרְמְיָה לא, לג): "וְלֹא יְלַמְּדוּ עוֹד אִישׁ אֶת רֵעֵהוּ וְאִישׁ אֶת אָחִיו", [מֶען וֶועט שׁוֹין מֶער נִישְׁט

דאַרפֿן אויסלערנען פּאר אַ חבר און פּאר אַ ברודער, נאָר אַלע װעלן שוין אַליין׳ס װיסן] און פּונקט אַזוי װי דער אייבערשטער לעבט אויף אייביג, אַזוי אויך די תּוֹרָה װאָס מען לערנט פון דעם אייבערשטן געדענקט מען אויף אייביג און מען פאַרגעסט עס קיינמאל נישט, אַזוי װי עס שטייט אין פָּסוּק (עוֹבַדְיָה א, יז): "וְיָרְשׁוּ בֵּית יַעֲקֹב אֵת מוֹרָשֵׁיהֶם" - "די קינדער פון יַעֲקֹב װעלן יַרְשְׁנ׳ן זייער יְרוּשָׁה", װעלכע יְרוּשָׁה? די 'יְרוּשָׁה' מיינט מען די הייליגע תּוֹרָה, אַזוי װי עס שטייט אין פָּסוּק (דְּבָרִים לג, ד): "תּוֹרָה צִוָּה לָנוּ מֹשֶׁה מוֹרָשָׁה", די תּוֹרָה װאָס משֶׁה רַבֵּינוּ האָט אונז אויסגעלערנט איז אונזער יְרוּשָׁה.

דערפאַר, װער נישט צוּבְּראָכן אַז דו פאַרגעסט, װייל אַזוי דאַרף זיין (אַזוי װי פריער דערמאנט).

י

## קען מען אָנְהייבן לערנען אַזויפיל סְפָרִים?

מיין קינד, זיכער טראַכסטו "ס׳איז דאָך דאָ אַזוי סאַך סְפָרִים װאָס מען דאַרף לערנען, װען װעל איך בִּכְלָל קענען ענדיגן לערנען די אַלע סְפָרִים?", מיין טייער קינד, טראַכט נישט אַזוי! װייל די הייליגע חֲזַ״ל האָבן שוין פון לאַנג געענטפערט אויף דיין קַשְׁיָא, װי דער מִדְרָשׁ זאָגט (וַיִּקְרָא רַבָּה יט, ב): אַ טִיפֵּשׁ זאָגט: "װער קען דען לערנען תּוֹרָה? 'נְזִיקִין' האָט דאָך דרייסיג פְּרָקִים, און אויך 'כֵּלִים' האָט דרייסיג פְּרָקִים?", אָבער אַ קלוגער מענטש זאָגט:

"איך װעל לערנען צװיי הלכות היינט, און צװיי הלכות מארגן, ביז איך װעל ענדיגן די גאנצע תורה!"

נאך שטייט אין מדרש (במדבר רבה יב, יא): פארװאס איז די תורה צוגעגליכנט צו א פייגן בוים? װייל רוב ביימער, צום ביישפיל די איילבירטן בוים, די טרויבן בוים, טייטלען בוים, נעמט מען אראפ אלע פרוכט פון בוים צוזאמען אויף איין מאל - צוליב דעם װאס זיי װערן געצייטיגט צוזאמען אין די זעלבע צייט. אבער די פייגן בוים קלויבט מען אראפ צוביסלעך צוביסלעך, װייל די פייגן װערן נישט געצייטיגט צוזאמען, אזוי אויך די הייליגע תורה, היינט לערנט מען אביסל, און מארגן אסאך, װייל מען קען נישט אין איין יאר און אפילו נישט אין צװיי יאר ענדיגן די גאנצע תורה.

חז"ל זאגן (ספרי פרשת עקב - ילקוט דברים רמז תתעג) א תלמיד חכם לערנט צװיי דריי זאכן בייטאג, צװיי דריי זאכן ביינאכט, צװיי דריי פרקים אויף שבת, צװיי דריי פרשיות א חודש, קומט אויס נאך א שטיק צייט איז ער אן עושר, און אויף אים איז געזאגט געװארן דער פסוק (משלי יג, יא): "וקבץ על יד ירבה" ["איינער װאס קלויבט מיט די הענט אביסל אויף אמאל, װעט נאכדעם האבן אסאך"], אבער איינער װאס זאגט: היינט לערן איך נישט קיין 'מקרא' [תורה, נביאים, כתובים], היינט לערן איך נישט קיין משניות, גמרא, מדרש. מארגן װעל איך שוין לערנען! [דאס הייסט ער שטופט אפ יעדעס מאל, איך װעל נישט לערנען יעצט, נאר אן אנדערע מאל, אדער מארגן, און אזוי װייטער] קומט אויס אז ער האט גארנישט אין זיין האנט, און אויף אים איז

גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק (שָׁם י, ה): "נִרְדָּם בַּקָּצִיר" וְגוֹ' אַ נארִישֶׁער מֶענְטְשׁ פַּארְשְׁלָאפְט דִי צַייט וָואס מֶען קֶען אָפְּשְׁנַיידְן דִי תְּבוּאָה, אוּן נָאכְדֶעם הָאט עֶר נִישְׁט קַיין עֶסְן.

## יא

## לֶערְנֶען וַוייל מֶען הָאט לִיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

יֶעצְט מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער! אוּן מַיין טַייעֶרֶע זוּהְן! נָאךְ דִי אֱמֶת'ע תְּמִימוּת'דִיגֶע פָּשׁוּטֶע וֶוערְטֶער וָואס דוּ הָאסְט דָא גֶעזֶען, אוּן נָאכְן זִיךְ אֱמֶת'דִיג אִיבֶּער טְרַאכְטְן וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט, אוּן וִויאַזוֹי דַיין מֹחַ אִיז אַזוֹי גֶעשֶׁעדִיגְט גֶעוָוארְן, אַנְטְלוֹיף פוּן אַלֶע דִמְיוֹנוֹת אוּן לִיגְנְט אוּן פָּאפֶּערַייעֶן וָואס מֶען וִויל דִיר פַּארְדְרֵייעֶן אַ קָאפּ, לוֹיף אַרַיין אִין דִי טִירְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אַ תְּמִימוּת פְּרָאסְט אוּן פָּשׁוּט, לֶערְנֶען תּוֹרָה לִשְׁמָהּ, תּוֹרָה פַאר דִי נְשָׁמָה, נִישְׁט פַאר קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע כַּוָונָה, נָאר כְּדֵי צוּצוּקְלֶעבְּן דִי נְשָׁמָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גְרוֹיסֶע לִיבְשַׁאפְט אוּן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע בֶּענְקֶענִישׁ, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט דִי תּוֹרָה זֶענֶען אֵיינְס, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה לג, א): דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט צוּ דִי אִידְן: אִיךְ הָאבּ פַארְקוֹיפְט פַאר עֶנְק דִי תּוֹרָה אוּן 'אִיךְ' בִּין כִּבְיָכוֹל צוּזַאמֶען פַארְקוֹיפְט גֶעוָוארְן מִיט דִי תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שְׁמוֹת כה, ב) "וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה" - "אִיר זָאלְט 'מִיר' נֶעמֶען פַאר אַן אָפְּשֵׁיידוּנְג". דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט דִי תּוֹרָה אִיז

איינס (זהר הקדוש, אחרי עג.), ווייל דורך די תורה קען אַ מענטש זוכה זיין צו שפירן דאס געטליכקייט פונעם אייבערשטן, די תורה איז שיינע גרויסע צומערן און פּאלאצן אנגעפילט מיט לעכטיגקייט פונעם אייבערשטן. דעריבער, אַז אַ מענטש לערנט תורה מיט אַ שטארקע ליבשאפט און בענקעניש צום אייבערשטן, האט ער זוכה געווען צו לערנען תורה אויף די אמת'ע ריכטיגע וועג.

קוק אַריין אין 'ספרי' (פרשת עקב) אויפן פסוק (דברים יא, יג) "לאהבה את ה' אלקיכם", שטייט דארט: אפשר וועט אַ מענטש זאגן איך גיי לערנען תורה כדי מען זאל מיר רופן 'חכם', אדער כדי איך זאל האבן אַ 'ישיבה', אדער האבן אַ לאנגע לעבן אויף יענע וועלט? זאגט די תורה "לאהבה את ה' אלקיכם" [ליב צו האבן דעם אייבערשטן], דו לערן תורה פאַרן אייבערשטן אָן זייטיגע חשבונות, און די סוף וועט זיין אַז די כבוד וועט שוין אַליינס אָנקומען.

דו מאך זיך שיעורים אין חומש, תנ"ך, משניות, גמרא, מדרש, און נאך ספרים וואס דו וועסט זיך אויסקלויבן, אפילו ס'וועט דיר זיין זייער שווער אין אנהייב. סיי צוליב דיין נאטור וואס איז נישט צוגעוואוינט צו לערנען, ווייל ביז יעצט ביסטו געווען צוגעוואוינט צו רעדן נארישקייטן, ליצנות, און סתם שטותים, און יעצט ווילסטו זיך צוגעוואוינען צו לערנען די הייליגע תורה און דינען דעם אייבערשטן, וואס דאס איז פונקט פארקערט פון דיין טבע, דעריבער איז עס זייער שווער פאר דיר וכו'. און סיי צוליב די ליצנות פון די מתנגדים **סיי פון אינעווייניג און סיי פון אינדרויסן** וואס זיי מאכן חוזק

דֶערְפוּן, אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער זָאגְט דֵיעוֹת אוּן פַּארְדְרֵייטֶע סְבָרוֹת מִיט זַיין פַארְקְרִימְטְן מוֹחַ פוּנְקְט פַּארְקֶערְט פוּן דֶעם אֶמֶת, וָואס דוּרְכְדֶעם רַייסְן זֵיי אַוֶועק מֶענְטְשְׁן פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

עַל כָּל פָּנִים, וויאַזוֹי סְ'זָאל נָאר נִישְׁט זַיין, אֲפִילוּ סְ'אִיז שׁוֹין אַדוּרְךְ אוֹיף דִיר וָואס אִיז אַדוּרְךְ, אוֹיב וֶועסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן וֶועג פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פְּרָאסְט אוּן פָּשׁוּט מִיטְן גַאנְצְן תְּמִימוּת, **זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אִין דִי רֵייעֶ פוּן אָנְהֵייב בִּיזְן סוֹף, מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, מֶדְרָשׁ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט אִין אָנְהֵייב אַלֶעס, דוּ הַאלְט אָן פֶּעסְט אוּן לֶערְן וַוייטֶער מִיט הַתְמָדָה נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל**, וועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דִי גַן עֵדֶן דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט. וַוייל סְ'אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא גוּטֶע גֶעשְׁמַאקֶע טַעַם ווִי דִי גֶעפִּיל וָואס מֶען הָאט וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה מִיט תְּמִימוּת פְּרָאסְט אוּן פָּשׁוּט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין.

אוֹיךְ זָאגְן חֲזַ"ל (זוֹהַר חָדָשׁ רוּת): אוֹיב דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ תּוֹרָה, וֶועט יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע אוֹת וֶוערְן אַ מַלְאַךְ דִיךְ צוּ הֶעלְפְן.

## יב

## תּוֹרָה שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס פוּן בְּלָאטֶע אוּן שְׁמוּץ

מַיין קִינְד! אֲפִילוּ אוֹיב דוּ בִּיסְט שׁוֹין טָמֵא גֶעוָוארְן מִיט וָואס דוּ בִּיסְט טָמֵא גֶעוָוארְן, בִּפְרַט מִיט פְּגַם הַבְּרִית

- הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, רַחֲמָנָא לִצְלַן, זָאלְסְטוּ בִּכְלַל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם, מַיין קִינְד! וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן יט; חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תקעג): "דוּ וֵוייסְט דֶען דֶעם כֹּחַ פוּן דִי תּוֹרָה? אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין אוּן אָפְּמַאכְן מִיט אַ פֶעסְטְקֵייט, יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען "כַּךְ וְכַךְ" [דָאס מֵיינְט: אַ גֶעווִיסֶע בַּאשְׁטִימְטֶע מָאס תּוֹרָה], וֶועט דִי תּוֹרָה אִיהְם אַלֵיין אַרוֹיס שְׁלֶעפְּן פוּן בְּלָאטֶע".

אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (קְדוֹשִׁים פ:) אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט ווֶערְן גֶענְצְלִיךְ רֵיין אָן תּוֹרָה, נָאר מִיט דִי ווֶערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה ווֶערְט אַ מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן רֵיין, אוּן דֶערְפַאר ווֶערְן דִי ווֶערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה קֵיינְמָאל נִישְׁט טָמֵא. אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא זָאגְט (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק יח): דִי ווֶערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז ווִי אַ רֵיינֶע מִקְוֶה פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין אַלֶע זֵייעֶרֶע וואוֹין פְּלֶעצֶער, קוּם אוּן זֶעה ווִי גְרוֹיס אִיז דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה, אַז זִי רֵיינִיגְט דִי זִינְדִיגֶע אִידְן ווֶען זֵיי טוּעֶן תְּשׁוּבָה אֲפִילוּ פוּן עֲבוֹדָה זָרָה, ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל לו, כה): "וְזָרַקְתִּי עֲלֵיכֶם מַיִם טְהוֹרִים וּטְהַרְתֶּם מִכֹּל טֻמְאוֹתֵיכֶם וּמִכָּל גִּלּוּלֵיכֶם" וְגוֹ', [אִיךְ ווֶעל גִיסְן אוֹיף עֶנְק רֵיינֶע וַואסֶער אוּן אִיר ווֶעט גֶערֵיינִיגְט ווֶערְן פוּן אַלֶע טוּמְאוֹת אוּן פוּן אַלֶע עֲבוֹדָה זָרָה'ס]. ווֶעלְכֶע וַואסֶער ווֶעט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גִיסְן אוֹיף אוּנְז? דִי הֵיילִיגֶע 'תּוֹרָה' ווָאס אִיז צוּגֶעגְלִיכְנְט צוּ 'וַואסֶער'! אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ נה, א) "הוֹי כָּל צָמֵא לְכוּ לַמַּיִם" - ווֶער עֶס אִיז דָארְשְׁטִיג זָאל גֵיין צוּ 'וַואסֶער' [דֶער נָבִיא גְלַייכְט צוּ דִי 'תּוֹרָה' צוּ 'וַואסֶער'] אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רֵיינִיגְט אוּנְז אִידְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע רֵיינֶע תּוֹרָה, וַוייל דִי תּוֹרָה רֵיינִיגְט

דעם מענטש אַזוי ווי עס שטייט אין פּסוק (תְּהִלִּים יב, ז) "אִמְרוֹת ה' אֲמָרוֹת טְהֹרוֹת" [די ווערטער פון די הייליגע תּוֹרָה פונעם אייבערשטן זענען ריין].

## יג

## תּוֹרָה פון די יונגע יאָרן קומט צונוץ אויף דער עלטער

דו דאַרפסט וויסן, אַז יעצט ספּעציעל ווען דו ביסט נאָך אַ בָּחוּר, און דו האָסט נאָכנישט דעם עול פון פַּרְנָסָה, אויב וועסטו זיך יעצט צוגעוואוינען צו דעם וועג, פון חַזֶר'ן און לערנען אַסאַך אַסאַך פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, דַפִּים גְמָרָא, סִימָנִים שׁוּלְחָן עָרוּךְ, און אַזוי ווייטער וואָס דו וועסט זיך אויסוועלן צו לערנען, וועסטו שוין אייביג זיין צוגעוואוינט צו לערנען, און דו וועסט נישט אויפהערן צו לערנען אֲפִילוּ אין דיינע עלטערע יאָרן. דער מִדְרָשׁ זאָגט (קֹהֶלֶת רַבָּה יא, יד) אויפן פּסוק (קֹהֶלֶת יא, ט) "שְׂמַח בָּחוּר בְּיַלְדוּתֶיךָ" - וואָס האָט גורם געווען אַז מען זאָל דיר אויסוועלן אין דיינע עלטערע יאָרן? די תּוֹרָה וואָס דו האָסט געלערנט אין דיינע יונגע יאָרן!

מען זעט צווישן אונזערע לייט ברעסלעווער חֲסִידִים, אַז די אַלע וואָס האָבן געפאָלגט דעם הייליגן רַבִּי'ן, און זיך צוגעוואוינט צו זאָגן זייער אַסאַך די ווערטער פון די הייליגע תּוֹרָה, האָבן דורכדעם זוֹכֶה געווען בְּמֶשֶׁךְ זייער לעבן צו ענדיגן אָן אַ שִׁיעוּר מאָל כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, מִשְׁנָיוֹת, בַּבְלִי, יְרוּשַׁלְמִי, תּוֹסֶפְתָּא, און

אַלֶע מִדְרָשִׁים, זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אוּן תִּיקוּנֵי זוֹהַר, אוּן נָאךְ אוּן נָאךְ אַסַאךְ סְפָרִים, אוּן פוּן אַזוֹיפִיל מָאל דוּרְכְגֵיין דִי אַלֶע סְפָרִים גֶעדֶענְקְן זֵיי אַלֶעס, אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶס זֶענֶען דָא אַזֶעלְכֶע וָואס הָאבְּן נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזַא גוּטֶע זִכָּרוֹן, אִיז כָאטְשֶׁע אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וַוארְט זֵיי אָפּ אַ מוֹרָא'דִיגֶע גוּטֶע שְׂכַר, וואוֹיל אִיז זֵיי אוּן וואוֹיל אִיז זֵייעֶר חֵלֶק!

עֶס שְׁטֵייט פוּן 'אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא' (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה פֶּרֶק ד): אוֹיפְן פָּסוּק (דְּבָרִים לד, י) "וְלֹא קָם נָבִיא עוֹד בְּיִשְׂרָאֵל כְּמֹשֶׁה אֲשֶׁר יְדָעוֹ ה' פָּנִים אֶל פָּנִים" [עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיי דִי אִידְן נָאךְ אַזַא נָבִיא אַזוֹי וְוִי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ צוּ אִים אַנְטְפְּלֶעקְט פָּנִים אֶל פָּנִים], זָאגְט אוֹיף דֶעם 'אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא' - פּוּנְקְט וְוִי דִי לֶעכְטִיגְקֵייט פוּן דִי פָּנִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג אוּן אֵייבִּיגֶע אֵייבִּיגְקֵייטְן, אַזוֹי אוֹיךְ דִי לֶעכְטִיגְקֵייט פוּן דִי פָּנִים פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיט אִים אֲפִילוּ נָאךְ זַיין הִסְתַּלְקוּת, אַזוֹי וְוִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שָׁם לד, ז): "וּמֹשֶׁה בֶּן מֵאָה וְעֶשְׂרִים שָׁנָה בְּמֹתוֹ לֹא כָהֲתָה עֵינוֹ וְלֹא נָס לֵחֹה"; [מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען הוּנְדֶערְט אוּן צְוָואנְצִיג יָאר וֶוען עֶר אִיז אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, זַיין אוֹיג אִיז נִישְׁט טוּנְקְל גֶעוָוארְן, אוּן זַיין פַייכְקֵייט אִיז נִישְׁט אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן אִים].

שְׁטֵייט דָארְט וַוייטֶער אִין סֵפֶר "תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ": נִישְׁט בָּאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, נָאר יֶעדֶער תַּלְמִיד חָכָם וָואס אִיז עוֹסֵק אִין תּוֹרָה פוּן קְלֵיינְוַוייז אָן, בִּיז זַיינֶע עֶלְטֶערֶע יָארְן, אוּן עֶר שְׁטַארְבְּט, אִיז עֶר בֶּאֱמֶת נִישְׁט גֶעשְׁטָארְבְּן, עֶר אִיז נָאכְאַלְץ בַּיים לֶעבְּן, אוּן עֶר בְּלַייבְּט לֶעבְּן אוֹיף אֵייבִּיג אוּן אֵייבִּיגֶע אֵייבִּיגְקֵייטְן, וְוִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק

(שְׁמוּאֵל-א כה, כט): ״וְהָיְתָה נֶפֶשׁ אֲדֹנִי צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים אֵת ה׳ אֱלֹקֶיךָ״; [דִי זֶעהְל פוּן מַיין הַאר ׳דָוִד׳ וֶועט זַיין צוּגֶעבִּינְדֶען אִין דִי בִּינְטְל פוּן לֶעבְּן בַּיים ׳הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער׳] זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז עֶר גְלַייכְט צוּ דֶעם ׳תַּלְמִיד חָכָם און צַדִיק׳ צוּם ׳אֵייבֶּערְשְׁטְן׳, פּוּנְקְט אַזוֹי וְוִי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לֶעבְּט אוֹיף אֵייבִּיג אוּן אֵייבִּיגֶע אֵייבִּיגְקֵייט, אַזוֹי אוֹיךְ דֶער תַּלְמִיד חָכָם וָואס הָאט זִיךְ בַּאשֶׁעפְּטִיגְט מִיט תּוֹרָה זַיין גַאנְץ לֶעבְּן און עֶר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, לֶעבְּט נָאכְאַלְץ, אוּן עֶר הֵייסְט נָאכְאַלְץ אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעשְׁטָארְבְּן, נָאר עֶר לֶעבְּט אוֹיף אֵייבִּיג און אֵייבִּיגֶע אֵייבִּיגְקֵייט. וואוּ אִיז זַיין נְשָׁמָה? אוּנְטֶער דִי כִּסֵא הַכָּבוֹד.

אִיז אוֹיב אַזוֹי פַּארְוָואס זָאלְסְטוּ אַזוֹי צוּבְּרָאכְן וֶוערְן און אִיבֶּער גֶענוּמֶען וֶוערְן מִיט וָואס ׳עֶר׳ זָאגְט, און וָואס ׳יֶענֶער׳ זָאגְט און שְׁפֶּעט פוּן דִיר?! דוּ דַארְפְסְט דָאךְ זָארְגְן פַאר דִיר אַלֵיין, קֵיינֶער פַּארְשְׁטֵייט דִיר נִישְׁט אַזוֹי וְוִי דוּ אַלֵיינְס, און דוּ זֶעסְט דָאךְ יָא וְויאַזוֹי דִי טֶעג און נֶעכְט פְלִיעֶן אַוֶועק, און מֶען קֶען זֵיי בִּכְלַל נִישְׁט כַאפְּן. **און נָאךְ אַבִּיסְל, אָט אָט, מַמָּשׁ בְּקָרוֹב, גֵייסְטוּ שׁוֹין צוּרִיק צוּ דִי קוּמֶעדִיגֶע וֶועלְט!**

וֶועגְן דֶעם טְרַאכְט אַרֵיין, לָאמִיר שׁוֹין זָאגְן אַז סְ׳אִיז יָא אַזוֹי אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט אַזַא גוּטֶע קָאפּ - נוּ אִיז וֶועגְן דֶעם בִּיסְטוּ שׁוֹין פָּטוּר פוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה?!

גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען אוֹיף דִי זִיסֶע וֶועג פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וֶועט דִיר גוּט זַיין אַ גַאנְץ לֶעבְּן, סַיי אִין דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן און סַיי אוֹיף דֶער עֶלְטֶער, אַזוֹי וְוִי חֲזַ״ל זָאגְן (מַסֶכֶת סוֹפְרִים פֶּרֶק טז): ׳דִי תּוֹרָה הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן, און

גֶעבְּט אִים אַ גוּטֶע עֶנְדֶע, אוּן אַ גוּטֶע הָאפְּפֶענוּנְג אוֹיף דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן׳.

## יד

## ס׳אִיז נָאר שְׁוֶוער אִין אָנְהֵייבּ

אֲפִילוּ דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן אַז סְ׳אִיז דִיר זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס לֶערְנֶען אִין אָנְהֵייבּ, אוּן עֶס דַאכְט זִיךְ דִיר אַז דָאס הֵייסְט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, זָאלְסְטוּ וִויסְן מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אַז אַזוֹי גֵייט עֶס, וַוייל בֶּעפָאר מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן דִי זִיסְקֵייט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה דַארְף מֶען קוֹדֶם אָנְנֶעמֶען דֶעם עוֹל תּוֹרָה אוּן לֶערְנֶען אֲפִילוּ וֶוען סְ׳קוּמְט אָן שְׁוֶוער, אוּן נָאכְדֶעם הֵייבְּט מֶען אָן צוּ שְׁפִּירְן דִי זִיסְקֵייט דֶערְפוּן.

חֲזַ״ל זָאגְן (אִין מֶדְרָשׁ דְּבָרִים רַבָּה פֶּרֶק ג, סִימָן ג): ׳אַזוֹי וִוי אוֹיל אִיז אִין אָנְהֵייבּ בִּיטֶער אוּן נָאכְדֶעם זִיס, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז מִיט דִי ווערְטֶער פוּן תּוֹרָה, דֶער מֶענְטְשׁ הָאט קוֹדֶם צַעַר אִין אָנְהֵייבּ וֶוען עֶר לֶערְנְט, אָבֶער בַּיים סוֹף אִיז עֶס זֵייעֶר גוּט אוּן גֶעשְׁמַאק פַארְן מֶענְטְשׁ, ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (אִיּוֹב ח, ז): ״וְהָיָה רֵאשִׁיתְךָ מִצְעָר וְאַחֲרִיתְךָ יִשְׂגֶּה מְאֹד״׳. [אִין אָנְהֵייבּ וֶועט דִיר זַיין אַבִּיסְל עֶנְג, אָבֶער בַּיים סוֹף וֶועט זַיין זֵייעֶר גוּט].

בֶּאֱמֶת, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען, גֵייט טַאקֶע אוֹיף אִים דוּרְךְ פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט בִּיטֶערְנִישְׁן, עֶר פִּילְט אִין אָנְהֵייבּ כְּאִילוּ דִי תּוֹרָה אִיז אִים בִּיטֶער, אָבֶער דִי

סִיבָּה דֶערְפוּן אִיז וַוייל עֶר שְׁפִּירְט דִי בִּיטֶערְקֵייט פוּן זַיינֶע אֵייגֶענֶע עֲבֵירוֹת, וּבִפְרַט דִי עֲבֵירוֹת פוּן פְּגַם הַבְּרִית וָואס עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אוּן זִיךְ פַאְרשְׁמִירְט זַיין נְשָׁמָה, אוּן יֶעצְט וֶוען עֶר קוּמְט אוֹיסְוַואשְׁן זַיין נְשָׁמָה, הֵייבְּט עֶר אָן צוּ פִּילְן דִי וֵוייטָאג, וָואס דָאס זֶענֶען דִי אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס קוּמֶען אִים אַרַיין אִין קָאפּ, אַז עֶר פִּילְט נִישְׁט זִיכֶער בַּיי זִיךְ, עֶר טְרַאכְט: "הֵייסְט דָאס דֶען גֶעלֶערְנְט"? "אִיז דָאס דֶען דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג"? אָבֶער אַז עֶר וֶועט זִיךְ מַאכְן דֶעם רִיכְטִיגְן חֶשְׁבּוֹן, וֶועט עֶר זֶען קְלָאר, אַז בִּיז יֶעצְט הָאט עֶר דָאךְ גֶעטוּן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, אִיז וִויאַזוֹי קֶען עֶר שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דִי זִיסְקֵייט אוּן גֶעשְׁמַאק פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה?!

דֶערִיבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ לֵייגְט זִיךְ אַוֶועק זַיין אֵייגֶענֶע שֵׂכֶל, אוּן נֶעמְט אוֹיף זִיךְ דִי יָאךְ פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אַזוֹי ווִי אַן אָקְס אוּן אַן אֵייזְל וָואס נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ דֶעם עוֹל פוּן זֵייעֶר בַּעַל הַבַּיִת, וֶועט בַּיים סוֹף דִי כָּבוֹד אָנְקוּמֶען צוּ אִים, עֶר וֶועט בַּיים סוֹף בַּאקוּמֶען אַזַא אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַז עֶר וֶועט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט וֶועלְן אָפְּשֵׁיידְן דֶערְפוּן, וַוייל עֶר וֶועט פִּילְן אַז דָאס אִיז מַמָּשׁ זַיין לֶעבְּן.

## טו

## 'תּוֹרָה לִשְׁמָהּ' בְּרֶענְגְט הַכְנָעָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

אוֹיךְ וֶועט דִי תּוֹרָה דִיךְ מַאכְן אִינְטֶערְטֶענִיגְט פַארְן

אייבערשטן מיט אַן אמת, און בפּרט אויב דו װעסט 'לערנען פּשוט' אויף די װעג װאס דער הייליגער רבי האט אונז אויסגעלערנט, דעמאלטס װעט שוין בטול װערן און אַװעקגיין פון דיר דיין גאנצע ישות און גאוה, און װעסט זיך שוין גארנישט גרויס האלטן. נאר דו װעסט זוכה זיין זיך צוצוקלעבן צו די לעכטיגקייט פון דעם אייבערשטן װאס ליגט באַהאלטן אין די אותיות פון די הייליגע תורה.

און װען דו װעסט זוכה זיין בטול צו װערן צום אייבערשטן, מיט אַן אמת'ע ביטול און אַן אמת'ע הכנעה, װעסטו צוקומען צו אַ גרויסע דביקות, װעסט װערן צוגעקלעבט צום אייבערשטן, און שפּירן די זיסקייט פונעם אייבערשטן, און װעסט זוכה זיין אַריינצוקומען אין דעם אייבערשטנ'ס פּאַלאַץ. און דער אייבערשטער װעט דיר געבן אַ מורא'דיגע שכל און פאַרשטאַנד.

װעסט זוכה זיין ליב צו האבן יעדע איד, און נישט זיין קיין 'בייזער למדן' װאס רייסט ממש אויס דעם מענטש פון דער װעלט און פון יענע װעלט. װייל אַ 'בייזער למדן' מאכט שטענדיג קריגערייען מיט יעדן איינעם נאר כדי צו װייזן אַז דער צװייטער װייסט גארנישט, און קומט אפילו נישט צו, צו די קנעכל פון זיין פיס, װייל ער איז דאך אַזאַ גרויסער תלמיד חכם װאס קען אַזוי פיל פּלפּולים און שארפע סברות... און װער עס באַגעגנט זיך מיט אים - כאַפּט פון אים אַ שטויס.

אַנדערש איז אָבער איינער װאס לערנט תורה לשמה, ער זיצט זיך אין זיין װינקעלע און קיינער װייסט נישט פון אים, און איז זוכה צו ענדיגן איין מסכתא

נָאכְן אַנְדֶערְן, און אַזוֹי וַוייטֶער נָאךְ אַסאַךְ סְפָרִים, און שְׁפַּאצִירְט זִיךְ אַדוּרְךְ די גַאנְצֶע תּוֹרָה, און קֵיינֶער וֵוייסְט גָארְנִישְׁט פון אִים, וואוּיל אִיז אִים און וואוּיל אִיז זַיין חֵלֶק.

בֶּאֱמֶת אִיז דָא וָואס מַאֲרִיךְ צוּ זַיין דָא אַסאַךְ, און מֶען דַארְף טַאקֶע מֶער מַאֲרִיךְ זַיין, וַוייל די תּוֹרָה דָאס אִיז דָאךְ אוּנְזֶער לֶעבְּן, און די תּוֹרָה גֶעבְּט אוּנְז לַאנְגֶע טֶעג דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, אָבֶער ווִיבַּאלְד דֶער קוּנְטְרֵס הָאט זִיךְ שׁוֹין זֵייעֶר פַּארְצוֹיגְן, דֶערִיבֶּער וֶועל אִיךְ שׁוֹין מְקַצֵר זַיין דָא, און אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אִין אַ קוּמֶענְדִיגֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט וֶועלְן מִיר נָאךְ מַאֲרִיךְ זַיין מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער, און קְלָארֶע רַאְיוֹת, און שְׁטַארְקֶע הִתְחַזְקוּת צוּ פָּאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, און בִּכְלַל נִישְׁט פְּרֶעגְן קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת אוֹיף דֶעם.

## טז

## הֵייבּ אָן פון יֶעצְט צוּ לֶערְנֶען

דֶערִיבֶּער טַייעֶרֶע בְּרוּדֶער! וָואס סְ'אִיז גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶוען, הֵייבּ אָן כָאטְשׁ פון יֶעצְט, שְׁטֶעל דִיךְ אוֹיף דִי פִּיס, און אַנְטְלוֹיף שׁוֹין יֶעצְט צוּ די הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, און מַאךְ דִיךְ אַ פְּשׁוּטֶע שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת, און אִין שַׁ"ס, און אִין ד' חֶלְקֵי שׁוּלְחָן עָרוּךְ, און אִין וָואס נָאךְ דוּ וֶועסְט אוֹיסְוֶועלְן, און הֵייבּ אָן דוּרְכְגֵיין שְׁנֶעל אַ דַף נָאךְ

אַ דַף בִּיז דו װֶועסְט זוֹכֶה זַיין צו עֶנְדִיגְן, און װֶוען דו עֶנְדִיגְסְט הֵייבּ אָן נָאכְאַמָאל.

הֵייבּ נִישְׁט אָן צו װֶוערְן יֶעצְט צוּבְּרָאכְן פַּארְוָואס ס'אִיז דִיר דוּרְכְגֶעלָאפְן אַזוֹיפִיל יָאר וָואס דו הָאסְט נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צו לֶערְנֶען אוֹיף דֶעם װעג, און װֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיבּ ס'אִיז דִיר דוּרךְ גֶעלָאפְן דִי אַלֶע יָארְן פִּיסְט און לֵיידִיג - זֵיי דִיךְ נִישְׁט מְצַעֵר אוֹיף דֶעם! וַוייל אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (דְבָרִים רַבָּה, פָּרָשָׁה לג, סִימָן ח): עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְבָרִים לג, ד) "תּוֹרָה צִוָּה לָנוּ מֹשֶׁה מוֹרָשָׁה" לֵיין נִישְׁט 'מוֹרָשָׁה' נָאר 'יְרוּשָּׁה', דָאס הֵייסְט אַז דִי תּוֹרָה אִיז אַ 'יְרוּשָּׁה' פַאר דִי אִידְן אוֹיף אֵייבִּיג.

און דֶער מֶדְרָשׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר מִיט אַ מָשָׁל: אוֹיבּ אַ קֶענִיגְלִיכֶע קִינְד װֶוערְט גֶעפַּאנְגֶען צו אַן אַנְדֶערֶע וַוייטֶע מְדִינָה, אֲפִילוּ אוֹיבּ סְ'װֶועט אַדוּרךְ גֵיין אַפָּאר יָאר וָואס עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעפוּנֶען אִין דֶעם פַּאלַאץ פוּן זַיין טַאטֶע דֶער קֶענִיג, װֶועט עֶר זִיךְ נָאכְאַלֶץ נִישְׁט שֶׁעמֶען צוּרִיקְצוּקוּמֶען צו זַיין טַאטֶע'ס פַּאלַאץ, וַוייל עֶר זָאגְט צו זִיךְ, אִיךְ גֵיי צוּרִיק צו מַיין טַאטְן'ס יְרוּשָּׁה. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט אַ תַּלְמִיד חָכָם וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה און אִיז גֶעגַאנְגֶען און זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן, אֲפִילוּ נָאךְ אַפָּאר יָאר אַז עֶר וִויל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צו דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה שֶׁעמְט עֶר זִיךְ נִישְׁט, וַוייל עֶר זָאגְט 'אִיךְ קוּם צוּרִיק צו דִי יְרוּשָּׁה פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן'.

דֶערִיבֶּער װֶוער נִישְׁט צוּבְּרָאכְן פַּארְוָואס דו הָאסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט בִּיז יֶעצְט, וַוייל מֶען קֶען יֶעצְט אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי, און אָפְּמַאכְן מִיט אַ פֶעסְטְקֵייט "אִיךְ הֵייבּ אָן דִי רֶגַע צו לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה".

## יז

## היטן די צייט

די גאַנצע 'קונטרס' דאָ, איז געבויעט און געשטעלט אויף דעם ענין פון 'התמדה אין לערנען', און 'היטן די צייט' וויאַזוי מען דאַרף זייער שטאַרק אַכטונג געבן אויף די טייערע צייט. ס'איז נישטאָ נאָך אַזאַ פאַרלוסט אויף דער וועלט ווי פאַרלוירענע צייט, ווייל צייט קען מען נישט קויפן פאַר קיין שום געלט אויף דער וועלט. אַזוי ווי מ'קען זען אַז ווען אַ מענטש קומט אָן צו די לעצטע טאָג פון זיין לעבן וואָלט ער דאָך די לעצטע שעה אין זיין לעבן געצאָלט אַלע געלט אויף דער וועלט אַז ער זאָל נאָך בלייבן לעבן לענגער, אָבער ווי באַקאַנט העלפט שוין דעמאָלט גאַרנישט.

דער עיקר וועג וויאַזוי אויסצונוצן ריכטיג די צייט דאָ אויף דער וועלט, איז דורך לערנען תורה און דינען דעם אייבערשטן. אַזוי ווי חז"ל זאָגן (מדרש שוחר טוב תהלים לט), אויפן פסוק (משלי טו, ד) "מרפא לשון עץ חיים", אַז די רפואה פאַר די צינג איז 'תורה' וואָס איז אַ 'בוים פון לעבן', אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק (שם ג, יח): "עץ חיים היא למחזיקים בה"; [די תורה איז אַ בוים פון לעבן, פאַר ווער ס'האַלט זיך אָן אין די תורה]. און פון דאָ לערנט מען אַרויס אַז דער אייבערשטער האָט געגעבן די תורה פאַר די אידן נאָר כדי אַז מיר אידן זאָלן נישט זיין פאַרנומען מיט רעדן לשון הרע, נאַרישקייטן און ליידיגע רייד, און אַזוי זאָגט אויך 'דוד המלך' "ווער וויל קויפן

'עוֹלָם הַבָּא'? פְרֶעגְט מֶען אִים צוּרִיק: צִי קֶען מֶען דֶען בִּכְלַל קוֹיפְן 'עוֹלָם הַבָּא'? זָאגְט עֶר זֵיי, אַװַדאי! זִיכֶער קֶען מֶען קוֹיפְן 'עוֹלָם הַבָּא', אוּן נִישְׁט נָאר מְ'קֶען עֶס קוֹיפְן, נָאר מְ'קֶען עֶס אֲפִילוּ קוֹיפְן 'פַאר בִּילִיג'! װִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים לד, יד): "נְצֹר לְשׁוֹנְךָ מֵרָע" [װֶער עֶס װִיל זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גוּטֶע לֶעבְּן פוּן עוֹלָם הַבָּא, זָאל אָפְּהִיטְן זַיין צִינְג נִישְׁט צוּ רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס].

טַאקֶע דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ דָא אַסַאךְ גֶעשְׁרִיבְּן װֶעגְן דֶעם נוֹשֵׂא פוּן 'לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה', אוּן װֶער סְ'הָאט שֵׂכֶל װֶעט אַלֵיין פַארְשְׁטֵיין אוּן מוֹדֶה זַיי אַז דֶעם רֶבִּינְ'ס װֶעג אִיז דֶער אֱמֶת, אוּן סְ'אִיז אַ גְרִינְגֶע זִיסֶע װֶעג. עַל כָּל פָּנִים װֶער סְ'אִיז קְלוּג װֶעט צוּהֶערְן אוּן אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען אוֹיף דִי זִיסֶע װֶעג, אוּן װֶער סְ'וִויל נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן אִיז דָאס זַיין אֵייגֶענֶע פְּרָאבְּלֶעם, מִיר הָאבְּן גֶעטוּן אוּנְזֶערְ'ס, אוּן יֶעצְט לִיגְט עֶס אִין דַיינֶע הֶענְט מְקַיֵּים צוּ זַיין.

מִיר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער פַאר אַלֶע אוּמְזִיסְטֶע חֲסָדִים װָאס עֶר הָאט גֶעטוּן מִיט אוּנְז, אוּן אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע עֵצוֹת, אוּן אַזַא זִיסֶע װֶעג װִיאַזוֹי צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

בעזרת השם יתברך

דער קונטרס איז נתנדב געווארן
לזכות תלמידי ישיבה קטנה
היכל הקודש וויליאמסבורג

הב' נחמן נתן רוטה,
הב' יוסף נחמן נתן סאלז,
הב' שמעון פארקאש,
הב' אשר רייך,
הב' אלי' לאנדא,
הב' שמואל דוד איצקאוויטש,
הב' אפרים וויינבערגער,
הב' ישראל פריעדריך,
הב' משה דוד סאלי,
הב' יוסף אפעלבוים,
הב' יוסף הערש פליישמאן.
הב' אהרן אפענהיים.

***

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה, ויזכו להתעלות בתורה ותפילה ויראת שמים, ולהיות צדיקים, אמן כן יהי רצון.

***